№ XIX. שלום אַש פּרייז 30 קאָ.

אין אַ שלעכטער צייט

(בּילדער און ערצעהלונגען).



פערלאג „פּראָגרעסס" וואַרשא
נאלעווקי 36

Asch
In schlechter zeit

אין אַ שׁלעכטער צייט

(בילדער און ערצעהלונגען.)

פון

שלום אַש.

וואַרשא.

דרוק מ. י. האַלטער עט קאָמפּ. נאַלעווקי 7.

Инъ а шлехтеръ цейтъ

т. е.

Въ плохое время.

Ш. Аша.

Очерки и разсказы.

Варшава. 1903.

Тип: М: И: Гальтеръ и Комп:, Налевки 7.

Дозволено Цензурою.
Варшава, 7 Февраля 1903 г.



איבער דער גרענעץ

1.

דאס שטעדטיל ליעגט א האלבס אויפ'ן בארג, און דער עק פון צווייטע האלבען שטעדטעל גרייכט שוין אין וואסער אריין. און שטעהענדיג אויפ'ן בארג, פאר'ן שוהל פלאטץ, קוקט מען גלייך אריבער אויף יענער זייט וואסער, וואו די פעלדער ציהען זיך ווייט אוועק, און דארט אויף יענער זייט וואסער ווערען זיי ערגעץ וואו פערבלאנדזשעט, אז גאט איינער ווייסט וואו... און שטעהענדיג אויפ'ן בארג, פאר'ן שוהל פלאטץ, און אראב קוקענדיג הינטען אין וואסער אריין, דארט ווייט אין די פעלדער אריבער, וואס זענען אויף יענער זייט וואסער, ווילט זיך טהיילמאל א חדר־יונגעלע די הענד פערשפרייטען, די פיס דערהייבען, און היידא... א פליה אריבער, ווייט אוועק. איבער'ן וואסער, ווייט אין די פעלדער אריבער, פערבלאנדזשעט מיט זיי אין איינעם צו ווערען, ווייט... אז, גאט איינער ווייסט וואו...

געוועזען איז עס א טאג א שענער און א פרעהליכער. די הימלען, אויבען, האבען זיך געטהון דאס זייעריגע, קיילעכדיג זיך פערשפרייט, און האבען מיט פיעל לייטזעליגקייט בעשיצט גאטס וועלטעל אזוי, ווי זיי זענען געבאטען געווארען פון ששת ימי בראשית אן. און דאס וואסער האט זיך אויך געטהון דאס זייניגע, ווייט האט עס זיך אויסגעגאסען, איין וואל האט נאך געיאגט די צווייטע, די צווייטע האט געחאפט די דריטע און האט זיך אין איהר אריינגעגאסען. און אויס געזעהען האבען די וואלען, ווי א שליח מיט א ראפארט קומט פון גאנץ ווייט און געהט ערגעץ וואו, גאנץ ווייט, און דערלעבט ניט זיין שליחות אויסצופיהרען, ער צו גיסט זיך און צו געהט דערווייל אין וואסער; יאגט איהם נאך א צווייטער צוגעהט ער אויך אין וואסער, און א דריטער... און א פערטער... און דאס וואסער שווימט ווייט אין די וועלט אריין. ביי דעם ברעג, אויפ'ן בארג, ווי א געטרייער בעל־בית, שטעהט זיך דאס שטעדטיל, די נידריגע הייזליך דערהייבען זיך, און קייטלען זיך אויפ'ן בארג ארויף. אין הייזעל שטעהט אויפ'ן צווייטען הייזעל'ס דעכיל. און בכלל זעהט אויס גאט'ס וועלטעל ווי א ליעבליך הויזגעזינד, וואס לעבט זיך אין שלום, יעדער טהוט זיך דאס זייניגע. דער מאן קלאפט אויף דער מאשיהן און זינגט זיך זיין ליעדעל, דאס ווייב שטעהט זיך ביי דער קיך, קאכט אב וויעטשערע און זינגט זיך איהר ליעדעל.

אַ דאָנערשטאג נאך מיטאג, די קינדער זענען פריהער פון דעם חדר אַ היים געקומען, מען לאָזט זיך צום וואסער אראָב. אט שטעהט אַ יורענע ביי׳ם ברעג און וואשט די קינדערלעך אויס לכבוד שבת. דאס קינד, אַ מיידעלע פון אַיאהר זעקס, רייסט ארוים איהר נאַקעטן, איינגעזאפטען קאפ פון אונטער די מוטערס הענד און וויינט הויך. די יונגלעך שטיפען ארום, אויף אַ לודקע וואס שטעהט ביי׳ם ברעג, איינער שטיפט מיט דעם שיפלער פון דעם ברעג אָב, און אָט לאָזט זיך די לודקע אין וואסער, די קינדער שרייען און שאַלען מיט גדולה, און אט קומט פון דער-וויטען אַ בערלינקע אָן צו שווימען, און שווימט זיך רוהיג, פאמעליך, ווי אַ שאטען דורך דאס שטעדטיל. פון דארט, פון דערוויטען ווייזען זיך רויטע ספאָדניצעס און נאקעטע פיס שטעהען אין וואסער, און נאקעטע הענד קלאפען אין ווייסע שטיקער וועש. אַ מיידעל שטעהט ביים ברעג און וואשט דאס געפּעס אָב, עס שווימט איהר אַ טעלעריל אוועק אין וואסער, זי וויינט, קומט אָן אַ חדר קונדס, ער לאָזט שוין זיין לאנגע קאַפּעטקעלע אין וואסער נעטצען און מיט׳ן הוט שלעפט ער פון וואסער דאס אוועק-געשווימטע טע, עריל ארויס. און אָט קומט אויף דער לודקע ר׳ חיים דוד און ברוך פישער צו שווימען, מיט אַ גרויסע פולע נעטץ פיש לכבוד שבת, און נאקעטע בני יעקב׳ליך, אזוי ווי זיי וואלטען גאר קיין גלות קינדער געווען, אין די ארבע-כנפות׳ליך באָדען זיך, און האָדעווען זיך אין וואסער, ווי אמת׳ע קינדער אויף דער שויס פון אַ אמת׳ע מאמע. און דער ווינד בלאזט, פערשפרייט די לייוועגד אויף די לודקע, לופטערט בע״ד, מאַכט ציטערן פאות, און פאטשט מיט ציצית פון ארבע כנפות׳ליך אין פנים אריין.

אַביסעל אונטער דער שטאדט ציהען זיך אויף די הימלען זיכער, גיסט זיך אויף דאס וואסער זיכער, אויף גאטס חסד געשיצט, און ביים ברעג ליגען אנדערע מענשען פון אַ אנדער וואסער, אַ פארטיע „ליטוואקעס", יונג און אַלט ליגען זיי אויפ׳ן פעלד. פון דערוויטען זעהען זיך נאר די בלעכערנע טשאַניקעס אנגעבינדען אויף די געפעק. עס ליגט אַ יורענע אנגעלעהנט דעם קאפ אויף אַ קעסטעלע און איבערגעבענדיג אַ „כפרה" די נאקעטע ברוסט דעם נאקעטען קינד, וואס ליגט ביי איהר ציהט זי איהר קאפ צום הימעל ארויף. די פערמאכטע אויגען בעטען שוין נישט. עס הייסט ווי זיי וואלטען צום בורא עולם זאגען: ווילסט אזוי, טאָ זאל זיין אזוי...

עס זיטצען די פאָטערס אויף די געפעק זאכען, טהייל די קעפ אויף די הענד אנגעלעהנט און קלערען, טהייל גאָר, — אזוי ווי עס וואלט זייער עסק נישט זיין, זיטצען און שווייגען, ווארטענדיג אויף עפּעס. ביים טאַטען אויף ד׳ערד זיצט די מאמע און צו טהיילט די קליינע קינדערליך ברויט מיט אוגערקע, דער פאָטער בייגט דעם קאפף פון די עסענדע קינדער אוועק און קוקט אין הימעל אריין. און דארט ביים ברעג וואסער שטעהט די עלטערע טאַכטער און קוקט אויף די פליסענדע וועלען, און פון די אויגען רינען שטילע טרערען, און עס דאַכט זיך אז די ליפען שאקלען זיך.

און שטיל איז אין דער פארטיע. עס פרובט צו רעדען אַ יונגער מאן עפּעס מיט

אַ אלטען — דער לעצטער שווייגט. דער יונגער מאן רעדט ווייטער, דער לעצטער שווייגט אלס.

עס לאָזט זיך אַ יונגעלע, אַ ליטוואקיל אַ קליינס, פון דער פארטיע ארויס און גנב׳ט זיך צו צו די שטארטס יונגלעך, וואס באדווען אין די לאנגע קאפאטקעלעך, דארט אין דער גרויסע לודקע וואס איז ביים ברעג וואסער. עס געהט דאס ליטוואקעל, געהט און קוקט זיך אום. לאָזט זיך און חאפט זיך צוריק, און אָט האט ער שוין אויך אַ פוס אין די לודקע אריין געשטעקט. נאר דארט אין דער פארטיע שטעהט אַ הויכע יודענע און ווינקט מיט שרעק אויף דעם יונגעלע, מאכט מיט׳ן פינגער: שלמה׳קע! און דאס ליטוואקעל געהט ברוגז׳דיג צו דער פארט׳ע צוריק, זעטצט זיך צווישען די יודען און קוקט מיט בענגשאפט אויף די שפילענדע יונגעלעך, און שווייגט אויך.

פון אונטער דער ווינדט-מיהל וואס פערשטעלט די פאַרטיע פון מענשענס אויגען לאָזט זיך עפּעס אקליין מאגער יודעל ארויס מיט אַ געשווירען בערדיל און טראגט אנגעטהון עפּעס אַ מין דייטשען רעגען-מאנטיל, אונטען צוגע-פאַטיעט, אין אַ פיער קאנטיג היטעלע, ער האלט עפּעס אַ ביכעל אין דער האנד און שרייבט דערין. גאך איהם לאָזט זיך נאך פון אונטער דער ווינדט-מיהל עפּעס, אַ הויכער סאלדאט מיט אַרינגעלע אין אויער. עס רוימט זיך דער סאלדאט מיט דעם יודען אין דער שטיל. דער סאלדאַט קוקט אויף די זיצענדע יודען און דאס יודעל שרייבט אין ביכעל, אונטער זיי געהט נאך אַ הויכער יונג דאס פנים זיינס איז פערבונדען מיט אַ טוך, און ער האלט אַ גראבען שטעקען אין דער האנד, און דער יונג קלאַפּט וואוילעריש מיט׳ן שטעקען אין דער פייכטער ערד.

אין דער פארטיע ווערט שטיל. עס בלייבען זיטצען די וואנדערער אויף זייערע געפעק און שווייגען. עס קעהרט צוריק דאס מיידעל פון ברעג און זעטצט זיך אין דער קאָמפאניע. דאס קליינע ליטוואקעל בעהאלט זיך אונטער דער מאמעס פארטוך און ציטערט. און די אימה׳דיגע געזיכטער, און די אראָבגעלאזטע אויגען רעדען עפּעס אין דער שטיל: מיר זענען גאר נישט שולדיג! גאר נישט שולדיג!

פון אונטער דער ווינדט-מיהל ווייזט זיך אַרויס אַ שטיק שווארצע קאַפּאָטע, אַ האַלב געזיכט, אַ האלבע בארד, אַ האלבער הוט און איין אויג בעאָבאַכטעט פון דערווייטען דעם יוד מיט דעם רעגען מאנטיל. באַלד ווייזט זיך פון אונטער דער ווינדט-מיהל אַ האנד ארויס און ווינקט צו דער „פארטיע", מאַכענדיג ארויף און אראב.

די וואנדערער זיטצען, קוקען איינער דעם צווייטען אן און שווייגען.

פאר נאכט. אַ ווינדט בלאזט, ער רודערט אויף די ליגענדע, שטילע פליעסענדע וועלען, און פון דערווייטען דאַכט זיך, ווי אַ אונגעהיירע חיה שווימט אין וואסער מיט לאנגע גרויסע וואסערדיגע קאלטענים. די לייוונד ווערען אויף די בערלינקעס אויפגעצויגען, (זיי גרייטען זיך עפּעס אָן צו אַ מלחמה,) פון ערגעץ ווייט

קומט אָן אַ טראַטווע צו שווימען און אַ פייעריל ברענט זיך אויף דער טראַטווע. און דאָרט איילט אַ מענש אויף אַ לודקע צום ברעג, און ווייטער גיעסט זיך דאָס וואַסער, און דאָרט ווייט רוהט דאָס וואַסער; עס גיסט זיך אויס געגען איבער דעם טויה־בעדעקטען הימעל, דער העלד האָט זיך אָבגעמאַטערט און רוהט. און פון דעם באַרג גלענצען אַראָפּ די קליינע זעקס ליכטליך, וואָס שטעהען אין קליינעם בית המדרש פאַר'ן „עמוד". טונקעל ווערט אויפ'ן וואַסער, טונקעל ווערט אויפ'ן הימעל און דאָס שטעדטעל הילט זיך אין אַ טויה־נעפּעל איין און רוהט אויך. און פון דעם קליינעם בית המדרש'ל לאָזט זיך אַ וויינענדיגער „והוא רחום" הערען, און די תפלה שוועבט אין דער לופטען, איבער דעם וואַסער, ווייט איבער די פעלדער... אַ קריאַת־שמע לייענען איז עס פאַר'ן שלאָפען לעגען זיך פון דער גאַנצער וועלט...

.2

נאַכט איז געוואָרען, און שטיל איז אַרום. דאָס וואַסער, ווי עס וואָלט זיך עפּעס אַ ברוגז מיט די הדר־יונגלעך געמאַכט, וואָס שטיפען דערמיט אַ גאַנצען טאָג אַרום, האָט זיך אין אַ טויה נעפּעל אַיינגעהילט, עס הייסט אויף מענשען לשון: אָן שטוב זיך אַריין געחאַפּט, די לאָרען פערמאַכט און שלאָפט. אויף אַ טראַטווע ערגעץ ברענט זיך אַ פייעריל, אַ ברילאַנט איז אין דער פינסטערע נאַכט איינגעפאַסט, און דאָס פינקעלט אַזוי פון דערווייטען... די שטאָדט בעלי בתים האָבען זיך אין זייערע הייזלעך בעהאַלטען, און יעדער שיצט זיך אונטער זיין דעכעל, וואָס דער עלטער ווידע האָט איהם איבערגעלאָזט. און דאָס גאַנצע שטעדטיל בעהאַלטענדיג זיך אין דעם נעפּעל, וואָס שטייגט פון וואַסער אַרויס, ראַכט זיך, דאַנקט און לויבט השם יתברך, זיך אַיינקאָרטשענדיג: אוי וואָס פאַר אַ גוטען גאָט מיר האָבען! און דער נעפּעל, שוועבענדיג איבער דעם שטעדטעל איז עפּעס ווי אַ מאַמע, וואָס פערשפּרייט איהר פאַרטיך איבער איהרע קליינע קינדערלעך, בעטענדיג זיך: דאָ נישט ...

נאָר די לבנה, איינע אַליין אויפ'ן הימעל, קוקט אַראָב איינע אַליין אויף ד'ערד, און בלאָנדזשעט אַרום איינע אַליין אויף דער וועלט, זוכענדיג נאָך אַ לבנה ... און אויף דעם שלאָפענדיגען וואַסער פאַלט אַ קאַלטער שטראַהל און בעלויכט עפּעס שוועבענדיג אויף די רוהיגע, שלאָפענדע חוואַליעס. אַלץ טוליעט זיך, הילט זיך אונטער די פליגעלן פון דער שכינה אַיין, בעטענדיג אין דערשטיל מיט פאָרכט: גאָט זיי ערבאַרימדיג איבער אונז!

אונטען אויפ'ן פעלד איז דאָס וואַסער פערגליווערט אין איין שטיק, אין דעם אַוירגאָט. ביים ברעג, אויף די פליגעל פון אַ שוואַרצען ריהריוודיגען אָדלער ליעגען ווער... צו זענען עס מענשען, אָדער טויטע שאָטען פון דער נאַכט?... פנים'ער קוקען אין דער לבנה אַריין, בעטענדיג עפּעס.

און שטיל איז אַרום

פון דערווייטען הערט זיך ווי עס רידערט זיך עפּעס אין וואַסער... איין וואַל פאַלט אויף דער צווייטער און דאָס גיעסט זיך צוזאַמען, ווי עפּעס קישען זיך און פליסטערן אין דער שטיל... צו זענען מתים דאָ די נשמות זייערע טובל אין וואַסער?... באַלד בעוועגט זיך אַ שאַטען אין דער לופט, שוועבענדיג איבערן וואַסער. עס רידערט זיך און עס נ'עהענט זיך, דער שאָטען. אָט הערט זיך, ווי עס שווימט: לאָקך... לאָקך... דאָס וואַסער קישט אין דער שטיל דעם ברעג... דאָס וואַסער קלאַפּט אויף דעם ברעג... דאָס וואַסער שלאָגט דעם ברעג... עס איז ווער צום ברעג צו געפאָהרען.

אַ שאָטען איז אויף דעם ברעג אַרויף...

— ש — שאַ, ש־שטיל זייט!

עס רידערט זיך אויפ'ן פעלד. טריט קנייטשען און ביגען ווייך דעם טהויה בעדעקטען גראָז.

— יודען!

— וואו זייט איהר? זענט איהר אַלע צוזאַמען?...

— קומט!

— ש... שטיל.

עס רידערט זיך אויפ'ן פעלד, פייכט גראָז קנייטשט זיך אונטער טריט.

— ליזע, האַלסט אברהמ'לען?

מען פליסטערט אין דער שטיל.

— ברוכ'ל, וואו ביסט דו?

— ביי'ם טאַטען. —

מען געהט.

— יודען האַלט אייך אָן ביי די הענד, קאָמאַנדוועט ווער אין דער שטיל.

מען געהט.

— ש ש ש ש ש אַ.

— שטיל זייט נאָר.

— שווייגט, האָרכט!..

עס הערט זיך אַ רידערען צווישען צווייגען פון דערווייטען.

— מען האָרכט דאַכט זיך?

יאָ.

— האָרכט נאָר —

— מען געהט.

— מען יאָגט נאָך...

— שטיל זייט — ש ש ש ש...

— לעגט אייך פאַמעליך אויף ד'ערד אַ נידער.

— בעהאַלט דאָס פנים אין די גרעזער.

— האַלט איין דעם אָטהעם

שטיל איז אַרום.

— די לבנה איז בעוואָלקענט זיי וועלען אונז נישט זעהען.

— גוט .
— זי וועט אַזוי פֿלינק פֿון די וואָלקען נישט אַרויס קומען.
— גוט .
— אַ גאַנצע מחנות שוואַרצע וואָלקען ציהען זיך איבער איהר.
— געלויבט צו גאָט .
עס הערט זיך אַ פּישצען פֿון אַ קינד .
— האַלט דעם קינד דאָס מויל צו, זאָל עס נישט שרייען .
— געדענקט אין גאָט וואָס טהוט איהר?!
דאָס קינד הערט אויף פֿון פּישצען .
עס הערען זיך טריט צו פֿערד .
— מיר זענען פֿערלוירען !
— האָט קיין מורא .
— ליגט אויף ד'ערד , רידערט אַייך נאָר ניט .
— בעט גאָט אין האַרץ .
— רִבּוֹ—נֶה שֶׁ—ל עוֹ—לָם !
ש־ש־טיל ,
— מאַמע וואו ביסט דו ?
— דאָ , דאָ !..
— שווייגט !
— מאַמע איך האָב מורא
— זיי שטיל , איך בעט דיך .
— מאמע פֿערדעק מיך מיט'ן טוך .
— שטיל וועט איהר זיין !..
— מאַמע ...
— וואַרפֿט איהם אין וואַסער !..
די טריט פֿון די פֿערד הערען זיך שוין נעהענטער .
— ש־ש־ש־טיל .
די פֿערד האָבען זיך אָבגעשטעלט.
שטיל איז אַרום.
— Шевелится, нѣтъ?
שטיל איז , מען האָרכט .
— Не слышно.
עס הערט זיך אַ גאַלאָפּ , מען רייט געשווינד .
די טריט פֿון די פֿערד הערען זיך שוין פֿון דערווייטען.
באַלד , זיי פֿערשטימען אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט
— געלויבט השם יתברך !
מען שווייגט .
— וואָס פֿאַר אַ גוטען גאָט מיר האָבען !
— הויבט אַייך אויף פּאַמעליך ...

— האַלט אַייך אָן ביי די הענד .
— קומט , יורען .
עס הערען זיך טריט פֿון מענשען .
אָט איז די לודקע, לעגט אַריין די געפּעק .
דאָס וואַסער קלאַפּט אויף דעם ברעג .
— וואו איז אברהמעל ?
— דאָ ' דאָ ,
— שטייגט אַיין , פֿלינקער .
— דאס לעצטע מאָל זעה איך דיך , מיין לעצטער טריט אויף דיין ערד !..
— ווערסט שפּעטער זאָגען קנות .
— דעם טאַטען מיט דער מאַמען דאָ אין קבר איבער געלאזט , און דו טראָגסט דיך די ביינער וואו אנדערש וואו ...
— מאַכט דיך נישט צום נאַר .
— היידאַ ... פֿלינקער, קיין צייט נישטאָ .
— פֿערטיג ?
— שטופּ אָב .
— פּאַמעליך , אין דער שטיל .
עס רידערט זיך , דאָס וואַסער קלאַפּט אויף דעם ברעג , עס הערט זיך חוואַליעס יאָגען , מען שיפֿט זיך : לאָקך ... לאָקך ... מען פּאַטשט דאָס וואַסער ...
די לבנה שווימט רוהיג פֿון די וואָלקען ארויס , זי שמייכעלט , עס פֿאַלט אַ קאַלטער שטראַהל אויף די וואָלען .

———

אַ בְּרוֹגֶז.

(געווידמעט ה. ד. נומבערג).

מיט אַ פֿערביטערט האַרץ בין איך פֿון דער היים אַוועקגעלאָפֿען, און געלאָזט זיך געהן גאָך ליענטשיץ צו מיין מוהמען נחה־פערלען.

געוועזען איז עס איינער פֿון יענע טעג, וואָס נאָך דעם וועטער איז שווער צו וויסען, אויב עס איז אַ ווינטער־אָדער אַ זומער־טאָג: דער הימעל איז גרוי בעוואָלקענט, די ערד פֿייכט און דער שטח איז מיט אַ שווערער לופט אָנגעפֿיהלט.

דער וועג, וואָס איך געה אויף איהם, ציהט זיך שטום־טויט ווייט אַוועק, און אין דעם ראָב וואָס איז צווישען דעם וועג און די ווייטע בעוואָלקענטע פֿעלדער פּאַשען זיך קיה און פֿערד. נעבען זיי זיצען קליינע שגצים׳ליך, איינגעקאָרטשעט אין ברייטע פּאָטערישע וועסטען, און קוקען אויף מיר נאַרעדיג אַרויס פֿון אונטער די טיפֿע היטלען, וועלכע זענען אריבערגעצויגען איבער זייערע אויערען. עס גלוסט זיך זיך זיי נישט, זעהט זיך אויס, אין אַזאַ וועטער מיט מיר צו טשעפּען און זיי לאָזען מיך רוהיג ווייטער געהן. באַלד איז אַ קאַרעטע דורכגעפֿאָהרען און איך האָב געוואָרפֿען אַ בליק אין די קאַרעטע אַריין. אינווענינג ליגט עפּעס אַ הערר אויסגעצויגען אויפֿ׳ן געזעס און קוקט שטום אין אַ צייטונג אַריין, וואָס איז איבער זיינע קניה אויסגעשפּרייט, באַלד איז די קאַרעטע מיט דעם הערען אויף דעם וועג, ווייטער אַוועק געפֿאָרען.

איך געדענק, אַז דענסמאָל, געהענדיג אויפֿ׳ן וועג, האָב איך עפּעס פֿון אַ זאַך געקלערט, וואָס האָט מיך שטאַרק דערשראָקען און פֿערשעמט; איך האָב ביי מיר געקלערט, אַז ווען איך וואָלט חלילה אַיתום געווען, מיין מאַמע וואָלט, חלילה, אויפֿ׳ן „גוטען אָרט" געלעגען, וואָלט איך זי אַזוי ליעב געהאַט, אַזוי ליעב! באַלד, אָבער, האָב איך מיך דערמאַנט, אין וואָס פֿאַר אַ זאַך איך קלער, און איך האָב מיך פֿאַר זיך זעלבסט פֿערשעמט: „שטיק־גולם, נאַר. — האָב איך צו מיר געטענה׳ט, — ווער וויל דאָס האָבען, אַז אַ מאַמע זאָל שטאַרבען? ווער?"

באַלד האָב איך מיך אַליין געטרייסט, אַז איך מיין חלילה נישט דאָס, וואָס הייסט אַ מאַמע זאָל שטאַרבען. איך מיין עפּעס גאָר אַנדערש; אַז עס שטאַרבט חלילה ביי וועם אַ מאַמע, איז דאָך אַזוי נישט גוט, גאָט איינער!

און גערעכט האָט זיך מיר דענסמאָל, אַזוי ווי מיין אייגענע מאַמע וואָלט

אויף מיר רחמנות געקריגען, און מיט גרויס ערבאַרימקייט נעמט זי מיין קאָפּ אַרום און גלעט מיך אַזוי ווייך מיט איהר האַנד אויף מיין באַק, און זאָגט צו מיר, מיט אַ גוט ערבאַרעמדיג געלעכטעריל:

— נאַרעלע, ווער וויל דאָס האָבען, אַז זיין מאַמע זאָל שטאַרבען? ווער?...

די גרויע וואָלקען זענען טינקלער און געדיכטער געוואָרען, און האָבען זיך האַרטער צו דער ערד אַראָבגערוקט. דער זאַמד אויפֿ׳ן וועג איז פֿייכטער און אָנגעקלעבענדיגער, און דאָרטען ווייט בעהאַלטען זיך די פֿעלדער אין אַ געדיכטען טוי־נעפּעל. אַ גוי׳ה איינגעוויקעלט אין אַ גראָב טוך איז דורכגעלאָפֿען, זי האָט זיך געאיילט, ווייזט אויס, וואָס גיכער אַ היים צו קומען. באַלד איז אַ פֿוהר פֿון ווייט אָנגעקומען צו פֿאָהרען, די צוהיטצטע, מאַטע פֿערד זענען מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ פּאַמעליך, מיט קליינע טריט צו דער שטאָדט צוגעגאַנגען; דער פּויער, וואָס איז אויף דער פֿוהר געזעסען, איז געווען איינגעהילט אין אַ פֿייכטען זאַק און ער האָט מאַט געקוקט אויף די אָבגעאַרבעטע פֿערד. דער הוט איז ביי איהם, ביז אין האַלבען קאָפּ געווען אַרײַנגערוקט, די פֿייכטע האָר האָבען זיך איהם געקלעבט אין זאַקסענדיגען, בעשמוצטען שטערן; אין זיינע קליינע שוואַרצע אויגען האָט עס געבלישצעט: געלויבט צו גאָט, מיר זענען שוין אין דער היים! אַנטקעגען פֿון דער שטאָדט צו איז אַ צווייטע פֿוהר אָנגעקומען צו פֿאָהרען, די פֿערד האָבען נאָך זיכער געשטעלט זייערע האַרטע טריט אין דער פֿייכטער ערד, און מיט אויסגעשטרעקטע העלזער האָבען זיי זיך ערגיץ וואו אין דער וועלט אַריין געאיילט... דער פּויער, וואָס איז אויפֿ׳ן וואָגען געזעסען, איז נאָך אין אַ טרוקענעם זאַק געווען איינגעהילט, דעם הוט גוט, ביז אין די האַלבע אויערען אַראָבגערוקט, און ער האָט רוהיג פֿאַר זיך געקוקט אין זיינע אויסגעלאָשענע אויגען איז עפּעס אומעטיגעס געווען: דער וועג הויבט זיך ערשט אָן...

באַלד האָט זיך געוויזען אַ געלער קלאָץ מיט רויטע אָבגעפֿאַרבטע פּאַסען, ליגענדיג האַלב אויסגעבויגען פֿון איין זייט וועג צו דער צווייטער זייט אַריבער, — פֿון איין זייט איז דער קלאָטץ אַ גרעניץ צווישען דעם וועג און דער שטאָדט. ביי אַ געווען העכער, און עס האָט זיך פֿון דער הויך אַ קייט אַראָבגעצויגען. ביי אַ בודקעלע, איינגעוויקעלט אין אַ פֿוטער, זיצט מיין מוהמע נחה פעריל. זי האָט אָבגעדונגען דעם שטאָדט „שלאָבען", און זי לאָזט נישט קיין פֿוהר פֿון דער שטאָדט אַרויס און נישט קיינע אין דער שטאָדט אַריין, וואו מען בעצאָהלט איהר נישט דערפֿאַר. עס דאַכט זיך, אַז זי איז די שומר׳טע פֿון דער שטאָדט. ווען זי וויל, גיט זי אַ ציה ביי דער קייט, לאָזט דעם קלאָטץ פֿון דער הויך אַראָב, און שניידט אָב ליענטשיץ פֿון דער גאַנצער וועלט.

איך בין צו איהר צוגעגאַנגען, נאָר איבער די בלאָטע, אָבער וויל איך בין פּאַמעליך מיט מורא געגאַנגען, האָבען זיך מיינע טריט נישט געהערט. און זי איז געזעסען איינגעוויקעלט אין איהר פֿוטער, און האַלט דעם קאָפּ אַראָבגעבויגען און דרימעלט.

— גוט נ׳ אָווענד! — האָב איך שוואַך אַרויסגערעדט.

זי זיצט און הערט נישט.

— גוט נ׳ אָווענד! — האָב איך נאָך אַמאָל, שוין אַביסל העכער, מיט האַרץ־קלאַפּען געזאגט.

מיין מוהמע זיצט. עס האָט זיך מיר גערעכט, אַז מיט צופליים מאַכט זי זיך אַזוי, זי וויל מיך נישט זעהען.

איך בין געשטאַנען און געוואַרט.

דאך האָט זי זיך אומגעדרעהט, און דערזעהענדיג מיך, האָט זי מיט דעם רוקען אַ שוידער געטהון און געזאָגט; „שמואל״, באַלד האָט זי ווייטער דעם קאָפּ אַראָבגעבויגען, און איז ווידער שטיל געבליבען. גערעכט האָט זיך מיר דענסמאָל אַזוי ווי איך וואָלט ביי אַ קלאַמקע פון אַ טהיר אָנגעהמען, פריוּוענדיג זי צו עפענען. די טהיר איז פערשלאָסען.

באַלד, ניט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, האָט זי מיך געפרעגט:

— מיט וועם ביסט דו געקומען?

גערעכט האָט זיך, אַזוי ווי אַ פערשלאָפען קול וואָלט פון אונטער דער באַנק אַ פויערגערעד.

— מיט אַ פויער, ער האָט זיך דאָרט אין דאָרף אָבגעשטעלט, — ווייז איך איהר מיט׳ן פינגער.

און זי איז שטיל געוואָרען און האָט ווידער דעם קאָפּ אראָבגעהאַלטען, צו דרימלען, אויב וואָס?

דערנאָך האָט זי פּאַמעליך דעם קאָפּ אויפגעהויבען, געוואָרפען אויף מיר אַ חשרי׳גען בליק און האָט ביטער אָבגעזיפצט.

מיין מוהמעס קרעכץ האָט מיך בערוהיגט. געוועזען איז עס עפּעס ווי אַ אונטער־שריפט אונטער זעהר אַ שווערען קאָנטראַקט.

שטיל בין איך נאָך איהר אין דער שטוב אַריינגעגאַנגען.

— זעץ דיך. שרה דאָבריש וועט באַלד קומען, וועט זי פייער מאַכען. — באַלד האָט זי די שטוב פערלאָזט.

אין שטוב האָט שוין אָנגעהויבען טונקעל צו ווערען. די צוויי איבערגעבליבענע שויבען, וואָס דאָס פאָרהענגיל האָט זיי נישט פערשטעלט, זענען פערלאָפען געוועזען און טריבע טרעהרען זענען איבער זיי גערונען. פאַר די צוויי אויפגעבעטע בעטען איז מיין פעטער׳ס עליו־השלום בילד געהאָנגען, און דעם טויטענס אויסגעבלייכטע געזיכט האָט שטרענג אויף מיר געקוקט און גוט אַכטונג געגעבען אויף אַלץ, וואָס איך טהו. אויף דער צווייטער זייט וואַנד איז ביי דער שאַנק אַ קאָמאָד געשטאַנען, בערעקט מיט אַ געשטריקטען טישטוך. אויף איהם זענען געווען אויסגעשטעלט פער־שידענע קאָלירטע טעלער, צוזאַמען־געגלייסטע גלעזערנע קלאָשען, צווישען זיי איז אויך געשטאַנען אַ גלעזערנע צוקער פושקע. איך האָב עס אויפגעדעקט. אינווענינג איז נאָך געלעגען וואַטע, אוּדאַי נאָך פון מיין פעטערס אתרוג עליו־השלום.

איך האָב מיך אַנידערגעזעצט ביים טישיל, גענומען אַ ספר׳ל אין האַנד אַריין און האָב דערינען אריינגעקוקט.

אין האַרץ האָב איך מורא געהאַט, אַז עס זאָל מיר חלילה נישט איינפאַלען, צוצוגעהן און די צוקער־פושקע צו צוברעכען, אָדער גלאַט אַזוי נעהמען אַ טעלעריל פון קאָמאָד, און עס אויף דער ערד אַראָבוואַרפען, נאָר איך האָב מיר די בייזע מחשבות פון קאָפּ פעריאָגט און אין ספר׳ל זיך פערטראַכט.

באַלד האָט זיך די טהיר אויפגעעפענט, און אַ מיידיל איינגעוויקעלט אין אַ טוך איז אַריינגעקומען.

זי האָט דאָס טוך פון איהר קאָפּ אַראָבגערוקט און עס האבען זיך בעוויזען איהרע צוזאַמענגעפרעסטע האָר אויף איהרע שלייפען.

זי איז געבליבען שטעהן אין מיטען שטוב און האָט געקוקט אויף מיר מיט איהרע צוויי גרויסע אויגען, מען האָט דערקענט אין איהר, אַז זי ווייסט נישט וואָס צו זאָגען, און וואָס צו טהון.

באַלד האָט זי דאָס לעמפּיל אָנגעצונדען און זי האָט עס אויף דעם טישיל פאַר מיר אַנידערגעשטעלט.

איך האָב מיך טיעף אין ספר׳ל פערטראַכט.

— דו ביסט, דער מוהמע מלכה׳לעס זוהן? — האָט זי מיך פלוצלינג געפרעגט,, אראָבבויגענדיג דעם קאָפּ, צוהאַקענדיג האָלץ אויף ד׳ערד,

— יאָ — ענטפער איך איהר. און דו ביסט דער מוהמע נחה פעריל׳ס טאָכטער?

— יאָ, — זאָגט זי.

און איך האָב ווייטער אין ספר׳ל אַריינגעקוקט.

— לאַנג וועסט דו פערבלייבען? — האָט זי מיך ווייטער געפרעגט.

— איך קלעהר דאָ, אין בית־המדרש צו לערנען. — זאָג איך איהר מיט זעהר אַ ערנסטען טאָן.

— טאַקי? — פרעגט זי.

— יאָ, — פרעה איך מיך אויף מיין אַיינפאַל, — די צייט איז ביי אונז שלעכט, דער טאַטע פערדינט נישט; ער קאָן מלמדות געלד נישט צאָהלען, בין איך געפאָהרען אין דער פרעמד לערנען.

— צייט דער טאַטע עליו־השלום, איז געשטאָרבען, — זאָגט זי מיט אַ טרויריגען ניגון און נעמט אָן מיט די פינגער דעם שוואַרצען סאַמעט בענדיל וואָס זי טראָגט אויפ׳ן האַלז, איז ביי אונז אויך די צייט שלעכט. דער „שלאָבען״ איז טייערער געוואָרען, מען איז אויף גאַנצע נעכט און מען פערדינט גאָר נישט.

באַלד זאָגט זי ווייטער:

— הי וועסט דו קענען לערנען, שלאָפען וועסט דו ביי אונז, שבת און יום־טובים וועסט דו אַוודאי אויך עסען ביי אונז, און מאָרגען וועלען מיר ביידע אַריבערגעהן צו דער מוהמע רבקה׳לע — אַ געשעפט „טעג״, וועסט האָבען וואו צו עסען.

איך קוק אויף איהר און שווייג.

— וועש וועט דיר אויך נישט קאָסטען, — זאָגט זי ווייטער, — אין איינעם מיט די אונזערע וועט מען דיינע אויך אויסוואַשען. נישט געזאָרגט וועסט דיר אַ עצה געבען.

איך האָב מיך אין שטיבל אַרומגעקוקט, און אַלץ האָט מיר שוין אַזוי פֿריינדליך, אַזוי היימיש אויסגעוויזען.

— דאָ, זעהסט, — זאָגט זי צו מיר, ווייזענדיג מיט'ן פֿינגער אויף דעם שטיקל ליידיגען אָרט, וואָס איז צווישען דעם שענקיל און דעם קאָמאָד. — וועט מען קענען אַ בעטיל אַנידערשטעלען, בעטגעוואַנד איז אָהן עין־הרע דאָ ביי אונז גענוג.

איך האָב געוואָרפֿען אַ בליק אויף דעם ליידיגען שטיקעל ווינקעל, און אַ וואַרימקייט איז דורך מיין האַרץ דורכגעלאָפֿען. דאָ וועט מיין „מקום מנוחה" זיין.

— גוט? — און איהרע צוויי גרויסע אויגען האָבען ליעבליך געשמייכעלט צו מיר.

איך האָב געשוויגען און געקוקט אויף איהר.

און קוקענדיג דערנאָך אויפֿ'ן פֿענסטער — האָב איך מיר געטראַכט: דרויסען איז פֿינסטער, און איך בין מיר אין דער היים...

זי האָט מיר אַ גלאָז טהיי דערלאַנגט.

— טרינק, דערוואַרים דיך, באַלד וועט די ויעטשערע פֿאַרטיג ווערען.

די טהיר האָט זיך אויפֿגעעפֿענט, מיין מוהמע איז אריינגעקומען.

איך האַלטענדיג דאָס גלאָז טהיי אין דער האַנד, האָב איך עפּעס ביי מיר געפֿיהלט, אַז איך טהו אַ עֲוֹלָה.

— ווייסט, מאַמע, שמואל דער מוהמע מלכה'לעס איז הי אַהער געקומען לערנען. ער וועט עסען „טעג", ביי אונז וועט ער נעכטיגען, וואָס נישט?

די מוהמע האָט אויפֿגעעפֿענט דעם פֿוטער, און עס האָט זיך געוויזען דאָס שוואַרצע באַנד, וואָס זי טראָגט אויף איהר האַלז.

מיין מוהמע האָט אָבגעזיפֿצט און געשוויגען.

— זעהסט, מאַמע, דאָ, צווישען דער ישאַנק און דעם קאַמאָד וועט מען קענען אַ בעטיל אַנידערשטעלען, דאַכט זיך ביי דער מוהמע רבקה'לע איז דאָ אַ איבריג בעטיל. איך וועל מאָרגען צו איהר אַריבערנעהען.

— מאַך דיך נישט צו נאַר! שמואל וועט מאָרגען אַהיים פֿאָהרען.

און אַראָב בייגענדיג דעם קאָפּ האָט זי אין דער שטיל געזיפֿצט:

— אַ קינד מאַכט זיך צום נאַרען, חאַפּט זיך אויף און לויפֿט פֿון דער היים אַוועק. אוי, אוי, יונגע נאַרישע קינדער!

שרה דאָבריש איז געשטאַנען אין מיטען שטוב און געקוקט אויף מיר פֿערוואונדערט און רחמנות'דיג.

איך האָב מיך פֿערשעמט אין ספר'ל פֿערטראַכט.

אין שטוב איז שטיל געוואָרען.

באַלד האָט זיך געהערט אַ פֿוהר פֿאָהרען און מיין מוהמע איז פֿון שטוב אַרויס.

שרה דאָבריש האָט שוין גאָר נישט געערדט, דאָס פּנים האָט זי אין קוימען פֿערבאָרגען.

איך בין צום פֿענסטער צו און אויף דער גאַס אַרויסגעקוקט. דרויסען איז וועהר פֿינסטער געווען. באַלד האָט זיך אַ קלאַפּען פֿון רעדער געהערט, און אַפֿוהר מיט

אַ לאַמטער איז דורך געפֿאָהרען. די פֿוהר איז געפֿאָהרען און פֿון דערווייטענס האָט זיך אַ פֿונק ליכטיגקייט אין דער פֿינסטערניש געטונקט...



אויף מאָרגען אין דער פֿריה האָט מיך מיין מוהמע מיט אַ פּויערישער פֿוהר אויפֿגעדונגען און מיך צוריק אַהיים געשיקט.

שרה דאָבריש, מיין מוהמעס מיידיל איז געשטאַנען ביים שלאָבען און האָט מיר נאָכגעשריגען:

— פֿאָהר געזונדערהייט, גריס די מוהמע מלכה'לע.

די פֿוהר איז ווייטער געפֿאָהרען.

דער הימעל איז געווען בעוואָלקענט. אַ געדיכטער קאַלט־בלוטיגער רעגען האָט אָהן אַנ'אויפֿהער פֿון דער הויך, פּאַמעליך, אויף דער ערד געגאָסען. עס איז געווען איינער פֿון די רעגענס, וואָס מען ווייסט נישט, ווען זיי הויבען זיך אָן און ווען זיי לאָזען זיך אויס. עס דאַכט זיך, אַז עס רעגענט שוין אַזוי פֿון אייביג, די וועלט איז באַלד אַזוי בעשאַפֿען געוואָרען מיט'ן רעגען, און עס וועט ווייטער רעגענען, ווייטער, אַזוי לאַנג ביז די וועלט וועט שטעהן...

און איך האָב מיך איינגענאָרעט אין אַ ווינקעלע וואָגען אַריין, בעהאַלטען מיך אונטער דעם נאַסען געזעס, און מיינע הענד האָב איך אונטער מיין קאַפּאָטע אַרונטערגעשטעקט, אָנגעטאַפּט דאָס העמד אויף דער ברוסט, איך האָב ביי מיר געשפּירט, אַז מיינע הענד זענען ביי מיר אין דער היים, אין מיין אייגען ווינקעל בעהאַלטען.

אַ קייטיל האָט זיך פֿון וואָגען אָבגעשעפּעט און האָט אָהן אויפֿהער אין די ברעטער געקלאַפּט, דער רעגען האָט געקאַפּיעט, און די קייטיל האָט נאָך אַנאַנד געקלאַפּט. און עס דאָט־זיך געדאַכט ווי אַ הונד וואָלט אונטער אַ נאַסע באָדע געקלאָגט.

און די וואָלקענס ציהען זיך איבער מיין קאָפּ. אָט דאַכט זיך מיר, אָט שטעק איך די האַנד אויס און טאַפּ זיי אָן, נאָר אָט רוקען זיי זיך העכער אַרויף. און דער רעגען קאַפּיעט. אַ טראָפּ צו אַ טראָפּ, אַ טראָט צו אַ טראָפּ, און די טראָפּענס פֿאַלען אין די וואַסערליך, וואָס זענען צווישען דעם וועג און צווישען די ווייטע, נאַסע פֿעלדער, און די וואַסערליך רעדלען זיך, און די פֿייכטע ערד זאַפּט אין זיך די טראָפּענס אַיין.

איך קוק אויפֿ'ן פּויער. ער זיצט אַיינגעקאָרשעט אין זיין נאַסען פּאַלטא, אַראָב־בויגענדיג דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, און זעהט אויס טיעף פֿערחושכ'ט. זיינע אויגען קוקען ווייט אַוועק, ער האַלט אָפֿען דאָס מויל און שוויגט, נאָר זיין אויסגעשטרעקטער רוקען דאַכט זיך, ווי ער וואָלט זאָגען, גלייכגילטיג איינזאַפּענדיג אין זיך, די טראָפּענס רעגען: וואָס געהט עס מיך אָן?

און די פֿערד גערהען זיך פּאַוואָלע, מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ און שטעלן זיבער זייערע האַרטע טריט אין דער פֿייכטער ערד.

איך קוק אויפֿ'ן ראָד פֿון וואָגן, ווי עס דרעהט זיך אַריין אין דער בלאָטע. אָט באַלד פֿאָהרט אַ העלפֿט ראָד אין דער הייך אַרויף, אַריינציהענדיג אונטער זיך דאָס אַנדערע האַלבע ראָד אין בלאָטע. און אַזוי דרעהט עס זיך, אַמאָל איז איין האַלבע ראָד אין דער בלאָטע און די אַנדערע העלפֿט אין דער הייך און דאָס צווייטע מאָל פֿערקעהרט.

און איך קוק מיך אַרום — די פֿעלדער זענען בעוואָלקענט און נאַס, דער הימעל איז גראָה; ער הענגט, דאַכט זיך, נור אַראָבצופֿאַלען אין אלס צוצודעקען — און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז די גאַנצע וועלט, אָט דאָס אַלץ וואָס איז אַרום איז ברוגז אויף דער וועלט'ס מאַמען, זי אַנטלויפֿט פֿון חדר צו דער מוהמען נחה־פעריל. און די וועלט האָט אויך אַ עלטערן ברודער, וואָס ער וועט זי פֿרעגען, ווען זי וועט אַהיים קומען: וואו ביסט דו געווען?

אויפֿ'ן פֿעלד אַקערט אַ פּויער. דאָס פֿערד איינגעשפּאַנט אין דעם אַקעראייזען, ציהט זיך און שלעפּט זיך איבער דער פֿייכטער ערד, עס שטעקט דעם קאָפּ אַרוים און ציהט ווייט אוים דעם האַלז. דאָס אייזען שלעפּט זיך נאָכ'ן פֿערד — און דער פּויער געהט אונטער זיי, און שמייסט מיט דער בייטש.

און די פֿוהר פֿאָהרט ווייטער, אָט באַלד ווייזט זיך אַ לאַנג שטיק שוואַרץ אויסגעשניטען פֿעלד פֿון טאָרעב. באַלד ציהט זיך אַ שוואַרץ שטעגעל פֿון פֿעלד אין וועג אַריין ווי אַ וועג וואָס פֿיהרט צו אַ „בית־עולם" צו.

און אַרום שוועבט אַ נעפּעל אין דער לופֿטען און שטיקט אַלעס צו.

און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז מיר אַלע — איך, דער הימעל, די פֿעלדער, דער פּויער מיט'ן אַקעראייזען, אַלעס אַרום זיטצען אין חדר. עס איז דאָנערשטאָג נאָך'ן אָנבייסען; די זונן איז ערשט ביים שפּיטץ פֿענסטער, אַ סימן, אַז עס איז ערשט האַלב איינס, און מיר זאָגען איבער דעם שיעור פֿאַר'ן רבי, און מיר קענען נישט דורכקומען.

באַלד האָט זיך בעוויזען אַ הויכער פּאַלאַץ אַרומגערינגעלט מיט אַ גאָרטען. פֿון דערהויך האָבען זיך געוויזען פֿיער גרויסע פֿענסטער, אין מיטען אַ באַלקאָן. פֿון פּאַלאַץ ציהט זיך אַ לאַנגע אַלעע אַרום הויכע בוימער.

און איך האָב מיין פּנים טיעפֿער אין דער קאַפּאָטע בעהאַלטען. די הענד האָב איך אונטער מיין וועסטעל אַרונטערגערוקט, אָנגעטאַפּט מיין ברוסט און האָב מיך געפֿיהלט היימישער, איך בין ביי מיר...

און עס האָט זיך בעוויזען פֿאַר מיינע אויגען מיין ברודער'ס פּנים, ער שלאָגט מיך נאָך נישט, עס האַלט דעם שטעקען אין האַנד און קוקט אויף מיר, קוקט מיך נוט אָן. און ביי דער טהיר שטעהט דער פּויער, ער פֿערלאַנגט די פֿערציג גראָשען, וואָס די מוהמע האָט איהם צוגעזאָגט...

און דאָ שטעהט דער פּאַלאַץ — און באַלד אָט עפֿענט זיך די גרויסע טהיר פֿון דעם פּאַלאַץ אויף — און די פֿוהר פֿאָהרט מיט מיר אַריין, מען נימט מיך ערגעץ אַ נעם אַרויף... איך ליג אונטער אַ זיידען בעטגעוואַנד... מיר איז וואַרים...

באַלד באָד איך מיך אין אַ וואַנע, און דאָ זענען אָנגעגרייט פֿאַר מיר נייע קליידער פֿון קאָפּ ביז די פֿים... איך שפּיר ווי דאָס זיידענע העמד קנאַקט אויף מיין רוקען... און אַ אַטלעסען קאַפּאָטקעלע, מיט אַ גאַרטעלע... איך קוק, דורכגעהענדיג, אין שפּיגעל אַריין, איך זעה אוים ווי אַ בן־מלך... צוויי לאַנגע שוואַרצע פּאות'ליך...

עפּעס אַ פֿוהר איז דורכגעפֿאַהרען, דער פּויער איז פֿון וואָגען אַראָב, און עס דאַכט זיך, אַז ער האָט ביי דעם צווייטען אַ פּאַפּיראָס פֿעררויכערט.

... און מען פֿיהרט מיך אין אַ גרוים צימער אַריין... עס בלישטשען אַזוי פֿיער ליכט און זילבערנע רעהרען... ביי אַ לאַנג געדעקטען טיש זיצט אַ אַלטער יוד אויבען אָן... מיט אַ ווייסע באָרד... אַ זילבערן טאַבאַק־פּושקעלע אין האַנד און קוקט אין אַ ספר אַריין... עפּעס אַ יודענע אין גרויסע בריליאַנטענע אוירינגען, אין אַ זיידענער הויב גרייט צום טיש. איז עס מיין מאַמע? ניין... אַ פֿרעמדע... מען פֿרעהט זיך מיט מיר... שלום־עליכם... מען קושט מיך... די מחותנת'טע וויינט...

עפּעס איז ווער דורכגעלאָפֿען איינגעוויקט אין רעגען. אויפֿ'ן פֿעלד שטעהט אַ פֿוהר אָהן אַ פֿערד, נאָר דער דישעל איז אַזוי לאַנג.

... איך זיטץ ביים טיש... שמועס אין לערנען... איך פֿערענטפֿער אַ האַרבען רמב"ם... דער מחותן ווענדט מיך אָב מיט אַ מר"ל'ס אַ קשיא... איך ברענג איהם אַ ראיה פֿון אַ רא"ש... אַלע קוקען אויף מיר... נור מיין מחותן שטעהט פֿערגאַפֿט... די מחותנת'טע ווישט זיך די אויגען מיט אַ טיכיל... און דאָרט... פֿון אַ שפּאַלט פֿון דער טהיר... אַ זיידען קליידיל... זי האָרכט... זי עפֿענט ברייטער אויף די טהיר, און קוקט... איך מאַך מיך ווי גאָר נישט... און רעד ווייטער, פֿערענטפֿער אַ „תבואת־שור"

... מען פֿיהרט די כלה אַריין... זי איז שען ווי אַ בת מלכה... אין בלוים זייד און סאַמעט... אין צוויי שוואַרצע צעפּ... אין אַ ווייס שערציל... זי לאָזט אַראָב דעם קאָפּ... זי שעמט זיך... איך אויך... דאָס האַרץ קלאַפּט אין מיר.

... — ווי געפֿעלט דיר דיין כלה? ... די קינדער שעמען זיך! זעהסט, זעהסט ווי רויט ער איז געוואָרען... און איך שטעק מיין פֿינגער אין גאַרטעל אַריין און דרעה מיך איבער'ן שטוב...

... זיי וועלען זיך אַליין געוועהנען איינער צום צווייטען...

... מען גרייט צום טיש... אַ גרויסער הענגלייכטער הענגט פֿון באַלקען אַראָב מיט גרויסע בריליאַנטענע גלעזליך... איך מיט מיין מחותן זיטצען אויף איין זייט טיש... זי מיט די מחותנת'טע אויף דער צווייטער זייט טיש... דער הענגלייכטער פֿערשטעלט... זי קוקט אויף יענעם זייט הענגלייכטער, איך אויף דער זייט...

... איך זאָג ווייטער תורה... דאָס פשט'ל אויף „שחיטת חוץ"... פֿערענטפֿער דעם רמב"ם... דער מחותן ווענד אָב.. איך לאָז נישט.. ברענג די גמרא פֿון חולין... זי ווינקט... קוקט אויף מיר: לאָז דיך נישט... אָט אַזוי... פֿערענטפֿערט... ריכטיג... זי שמייכעלט... האַ?!

מען פֿיהרט מיר מיין כלה צו... איך מאַך די אויגען צו... איך קוק נישט... מען

גיט מיר אַ גילדענעם זייגער... זי געהט... נעהם, זאָגט זי, און קוקט מיך אָן...
איך מאַך די אויגען צו און נעהם... איך טראָג איהם אויף די אַטלעסענע וועסט...
... איך זיטץ מיט איהר אַליין... אין אַ גלעזענער אַלטאַנקע... זי קוקט נישט...
איך אויך נישט... מען קוקט אין וואַסער אַריין... ניין אין אַ ספר'ל אַריין... זי
שמייכעלט... ניין... זי זיטצט, האַלט דעם קאָפּ אַראָבגעבויגען... ניין... זי זיטצט
און קוקט אויף מיר גלייך אין פּנים אַריין... איך אויך... גלייך איהר אין פּנים
אַריין... זי וויינט... יאָ, עס רינען אַראָב די טרעהרען איבער די באַקען...
איך האַלט די צעפּ... ניין... מען מעג דען? ... איך קוק אויף איהר... איך
וויין אויך... זי האָט אויף מיר רחמנות... אַזוי רחמנות...

איך נעהם זי אָן ביי דער האַנד...

„דו האָסט נישט דעם פויער צו בעצאָהלען? האָסט מורא פאַר דיין עלטערן ברודער? ..."

איך קוק מיך אום, דעם פּאַלאַץ איז מען שוין לאַנג פאַרביי געפאָהרען, עס ציהען זיך נאַסע בעוואָלקענטע פעלדער.

עס בעווייזט זיך אַ קליין הייזיל, דער שטרוידאַך איז אין רעגען דורכגעווייקט, פון קוימען געהט אַ געדיכטער רויך אַרוים און צולעגט זיך געדיכט איבער'ן וועג, פאַר דער טהיר שטעהט אַ פוהר, דאָס אויסגעשפּאַנטע פערד האַלט דעם קאָפּ אין וואָגען בעהאַלטען, און גיט איבער זיין רוקען אַ כפרה דעם רעגען. דער פוהרמאַן שטעהט אין דער טהיר ביים הייזיל, איינגעקאָרטשעט אין זיין צעווייקטען מאַנטעל, האַלט די בייטש אין אָרים, פערלעגט די הענד און קוקט נאַרעדיג פון מאַנטעל אַרויס:

עס בעווייזט זיך דאָס וועלדיל, עס שטעהט אין רעגען און קען זיך נישט ריהרען, און די בוימער טוליען זיך צו איינער צום צווייטען.

נאָך דעם וואַלד זעהט מען שוין דעם שפּיץ קירכע פון אונזער שטעדטיל אַרויס, און מיין האַרץ האָט אָנגעהויבען צוקלאַפּען: שוין אין דער היים! ...

אויף דעם וועג קיין שעמענעץ.

און דער וועג ציהט זיך, און ערגעץ ווייט ווערט ער פערבלאָנזשעט, צווישען די פעלדער, אונטער אַ באַרג. און דער הימעל שמייכעלט אַראָב צו די פעלדער, און די פעלדער — אַרויף און אַלץ איז אַזוי רוהיג, אַזוי זיכער ביי זיך, אַזוי פעסט; אַלץ אַרום איז אַזוי קלאָר, אַלס איז איינגעוואָרצעלט זיכער מיט אַ פעסטען יסוד אין דער ערד, נור איך אַליין בלאָנזשע אַרום, צווישען הימעל און ערד... און בלאָנזשען, מיין איך, צווישען הימעל און ערד וועל איך יאָהרען לאַנג, יאָהרען לאַנג... צווישען הימעל און ערד, צווישען אַלערליי גאָט'ס בעשעפעניש. און די שאָסע שטיינער רעכטס און לינקס, די שטיינער מיט די נומערן זאָגען מיר, אַז אַוועק פון אַלעם, אייסרייסען זיך, אַנטלויפען פון דער חברה איז נישט אַזוי לייכט... אומעטום מענשען, אומעטום זייער אַרבייט, זייערע הענד.

נאָך גוט, טראַכט איך, וואָס זייערע הענד קענען צום הימעל נישט דערגרייכען, וואָלטען זיי איהם אויך אָבגעמאָסטען אויף וויאָרסטען און מיילען... מיט דער צייט וואָלט זיך אַ גרויסע אַקציאָנס-געזעלשאַפט געמאַכט און וואָלט בעקומען אַ מאָנאָפּאָל צו עקספּלאָאַטירען די זון, די לבנה, די שטערען... און מיליאָנען „טשינאָווניקעס" וואָלטען געווען און מיליאָנען „שלאַבענס"... און עס שלעפערט זיך, דער וועג ציהט זיך... און ווייט צווישען הימעל און ערד הויבט אָן צו טונקלען, און גאַנצע מחנות אָבגעריסענע שטיקער וואָלקען ציהען זיך אַרוים און פליעסען און טיקען זיך, און גיעסען זיך צוזאַמען, און רייסען זיך איבער... און אַנדערע שטיקער הימעל פערשלייערען זיך, און לייכט און דורכזיכטיג זענען די זילבערנע שלייער; און די שלייער ציהען זיך צונויף, בעהעפטען זיך, עס ווערט אַזוי היימליך, אַזויפריינדליך, גלייך מען שפּיעלט אין בעהעלטעניש...

און קיין איינציגעס הייזיל זעהט מען נישט... אוים! גאָטס וועלט, — נישט קיינעמס נור דעם רבונו של עולם'ס און די טוי בעדעקטע פעלדער הויבען זיך צו צו די טוי-בעדעקטע הימלען, און די פייכטע הימלען לאָזען זיך אַראָב צו דער ערד און עס ווערט איין וועלט, ווי איין גאָט'ס... און די איינגעוואַקסענע גרעזליך אין דער ערד בעוועגען זיך שטיל, זיכער, ווי עפּעס אַ קינד, וואָס וויעגט זיך אין דער מאַמעס שוים. שפּיעלענדיג זיך פערגעניגענדיג.

אונ ווען איך זעה דאָס אַלץ פֿערשעם איך מיך פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר וואָס איך אַליין בין העכער פֿון די אַלע גרעזער, וואָס וואַקסען ארום. אלץ איז איינגעוואַקסען, איינגעוואָרצעלט אין דער ערד, נאָר איך אַליין קריך ארום, עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט מיך פֿון דער ערד אָבגעריסען, אין דער וועלט זיך געלאָזט. איך האָב מיין מאַמען פֿערלאָזט, מיין טאַטען אַוועקגעוואָרפֿען אונ ווי אַ יתום דרעה איך מיך אַליין אַרום, זוכענדיג ערגעץ אַ מקום מנוחה... עפּעס זעהט דאָס אויס חוצפּה-דיג, פֿערלאָזט איז עס... אונ דאָרט אין מיטען פֿעלד, הונטען אין אַ טהאָל שטייגט אַ ביימיל ארויס אונ גלאָצט אויך אין דער וועלט אַריין. דאַכט זיך ער פֿיהלט אויך דאָס זעלבע: העכער געוואַקסען פֿון אַלע גרעזער... דער גרעסטער פֿון אַלע... אַ שען פנים האָט דאָס!...

אונ די שטיקליך אָבגעריסענע וואָלקען האָבען זיך צוזאַמען בעהעפֿט איינס מיט דעם צווייטען, אונ עס שוועבט שוין אַ לייכטער פֿאַנסער איבער דעם הימעל: טהייל ערטער איז דער פֿאַנסער דורכגעריסען אונ פֿון די אויפֿגעריסענע ערטער גלענצט עפּעס, ווי בעשטויבטע ליכט אַזוי ווייך, אונ פֿערהילט אַזוי קושענדיג די לייכטע רייזענדיגע וואָלקען.

אַ רעגען וועט זיין!

דאַכט זיך עס פֿרעהט מיך! אַליין בין איך אויפֿ'ן וועג, ווי דאָס גרעזעלע וועל איך זיין. נישט האָבענדיג פֿאַר דעם רעגען זיך וואו צו בעשיצען.

אַ שטילע ליעבע אימה הערשט איבער אַלעם, די גרעזער בייגען די קעפּ איין אונ רוהמען אין דער שטיל איינס צום אַנדערען: „אַ רעגען וועט זיין!" דער לאַנגער וועג וואָס ציהט זיך דאָרט, דאַכט זיך, גרייט זיך אויך אָן צום רעגען: „וואָס קען איך טהון" — וואָלט ער זאָגען. פֿון ערגעץ ווייט קומט אַ פֿויגעל אָן צו פֿליהען אונ פֿליהט מיט רעש אַדורך, אָנזאָגענדיג: אַ רעגען וועט זיין! אונ דאָרט אין פֿעלד שאָקעלט זיך דער בוים, די צווייגען רוישען מיט אימה..

אונ די פֿעלדער ציהען זיך, גלאָצען אין הימעל אַריין: הקדוש ברוך ה״א מיר זענען גרייט אָנצונעהמען דיין גוט'ס וואָס דו שיקסט אונז!

איך געה אויף דעם וועג.

דאָרט ווייט דערהויבט אַ ווינד דעם שטויב, אַ געדיכטער קורזש ווערט. פֿון אונטער אַ טהאָל קומען צוויי פֿערד אַרויף שלעפּענדיג זיך. מען זעהט ווי זיי שטעקען די העלזער אויס אַרויפֿשלעפּענדיג זיך באַרג אַרויף — דערנאָך ווייזט זיך אַ פֿויער מיט אַ בייטש אין האַנד.

אָט ווייזט זיך אַ דעכיל.

דאָרט אין טהאָל שטעהט אַ הייזיל, אונ עפּעס ווי פֿערשעמט בעהאַלט עס זיך אין די געדיכטע צווייגען אונ די פֿיעלע בלעטער פֿון די ביימער, וואָס שטעהען אַרום. אונ דאָס הייזיל ווי איינגעטונקט צווישען די גרינע בלעטער זעהט אויס פֿון דערווייט ווי עס וואָלט פֿון דער הוילער ערד אַרויסגעוואַקסען.

אַ קליין שמאָל וועגיל פֿיהרט פֿון דעם וועג אַראָב אונ פֿערשלענגעלט זיך אויף די פֿעלדער. עס פֿיהרט צום הייזיל צו.

עס הויבט אָן לייכט צו טריעפֿען... די ערד זאַפּט איין די טראָפּען.

עס טריעפֿט אונ די טראָפּען בלייבען הענגען אויפ'ן גראָז ווי גוטע טרעהרען... אונ פֿערוואָלקענט איז דער הימעל נור פֿון איין זייט; אויף דער צווייטער זייט שמייכעלט די זון מיט אַ גוט געלעכטעריל... עס הייסט: זעהט, וואָס זיין ליעבער גאָמען קען!

איך נעם מיך אַראָב אין אַ זייט צו'ן בעהאַלטען הייזיל צו, עס לויפֿט אַ הונד אונ קומט מיר פֿריינדליך אַקעגען, לאָזט מיך דורך אונ בעגלייט מיך נאָך צוריק צו דער טהיר

אַ פויעריש הייזיל, נידריג אָבער זיכער ליגט דער באַלקען אויף פֿיער אָבגעוויסטע ווענד... היילגע בילדער אַרום. אונטער איינעם אין אַ ווינקעלע, לייכט אַ לעמפּיל אַ קליינס, דער שוואַכער שיין פֿון לעמפּיל צופֿליעסט זיך אַזוי ווייך אין דער טונקעלקייט פֿון שטוב, מישט זיך אויס מיט די לייכטע בעוועגליכע שאָטענס, ביים קוימען זיטצט די פויערטע אונ צינד אונטער צוויי העלצליך... קליינע, קליינע יונגליך מיט אָבגעברענטע פנימ'ער אונ פֿלאַכע העלע פֿלאַקסענע האָר רינגלען מיך אַרום אונ בעקוקען מיך פֿערוואונדערט, אין צווייטען עק ביי'ן אַ וויעגיל שטעהט נאָך איינס מיט אַגרויסען קאָפּ, וואָס וואַלקעט זיך אויף אַ דינעם האַלז אונ קוקט מיך אָן פֿון ווייטענס אונ שמייכעלט, ביי די באָרוועסע פֿיס ליגט איהם אַ שוואַרצער קודלאַטע הונד אונ קוקט איהם אין פנים אריין, אונ וואַרט אויף אַ בעפֿעהל...

— קען איך מיך פֿערהאַלטען דאָ, ביז דער רעגען וועט אַריבער?

די פויערטע ערלויבט עס מיר פֿריינדליך אונ דערלאַנגט מיר אַ שטוהל צוזיצען.

פֿון דרויסען הערט זיך אַ ווייטער דונער... גלייך פֿיהרען וואָלטען דורכגעריבען אויף אַ האַרטען וועג.

אונ אין שטוב איז שטיל געוואָרען, אונ אין דער שטילקייט דערהער איך איין אַלטע שוואַכע שטימע:

— ברוך אתה ה׳ אלהינו... אַ ברכה איבער'ן דונער:

איך קוק מיך אום, אין ווינקעלע ביים פֿענסטער, זיצט איינגעהויקערט אַ יוד איבער אַ שניידערשער אַרבייט.

עס ווערט מיר הייםליכער, עס פֿרעהט זיך צו טרעפֿען נאָך אַ יוד אין אַ גוישקע שטוב, מען שפירט זיך עפּעס היימיש.

— שלום עליכם, פֿעטער!

— עליכם שלום אַ יוד.

— אודאַי געקומען געהרשט קויפֿען! טרעפֿט ער.

— ניין, איך געה נור פֿאַרביי.

— וואו אַהין?

— קיין שעמעניץ.

— אַזוי, נאָך שעמעניץ, איך בין טאַקי אַ שעמעניצער.

און דאָס האָב איך אַליין געוואוסט. מען דערקענט עס אין איהם, צווישען די קנייטשען אויף זיין אַלטען פּנים ליגט שעמעניץ אויסגעגאָסען און שמייכעלט!

יעדע קהלה האַט שוין איהר סטעמפּיל, וואָס זי לעגט אויף איהרע איינוואָהנער...

דאָס לאַנג אויסגעצויגענע פּנים, די מאָגערע באַקען, די קנייטשען אַרום די אויגען, די קנייטשען אַרום איינגעפאַלענעם מויל, זענען על־פּי נוסח שעמעניץ. על פּי נוסח שעמעניץ זענען די שוואַרצע טאַבאַקצייכען אונטער דער לאַנגער שפּיציגער נאָז...

— וואָס טהוט איהר דאָ, ר' יוד! פֿרעג איך איהם אַבי צו פֿרעגען.

— איהר זעהט דאָך!

— איז אין דער היים קיין אַרבייט נישט דאָ?

— נייע מאָדעס — זיפֿצט ער — אַ יונג פֿון אַלדי שוואַרצע יאָהר געקומען מיט אַ אַכט קאַנטיג היטיל, אַ „וואַרשאָווער שניידער" זאָגט ער... האָט ער שפּע... און איך אויף דער עלטער מוז אַרומגעהן אויף די דערפֿער... ער נייעט נייעם... איך ניי, אַזוי ווי מיין טאַטע האָט מיך געלערענט, און אַזוי ווי מיין טאַטענס טאַטע האָט מיין טאַטען געלערענט... קיין איבער שפּיטפּלעך קען איך נישט

און גלייך ער וויל מיך טרייסטען, גיט ער צו:

— יעדען פֿרייטאָג קום איך צו מיין אַלטער... אַהיים! — באַ... אומעטום גאָט'ס וועלט און זיינע בעשעפֿנישען! און ווידער אַרום, זאָגט דער אַלטער נאָך אַ לאַנג איבער קלעהרען זיך, ווער דאַנקט און לויבט דאָ גאָט פֿאַר זיינע הבואות? פֿאַר אַלעם וואָס ער האָט אונז בעשאַפֿען? אַז נישט אַ יוד וואָס פֿערבלאָנדזשעט זיך אַמאָל אַהער...

דערווייל האָט זיך אויסגעלייטערט און די זון איז אין פֿענסטער אריין.

— נאָך ווייט קיין שעמעניץ? פֿרעג איך.

— אַ וויאָרסט דריי, דער וועג פֿיהרט גלייך צו.

איך דאַנק דער בעל־הבית'טע, געזעגען מיך, דער אַלטער האָט מיר לאַנג יקט.

– ערשט מאָנטאָג! הער איך אונטער מיר זיין זיפֿץ

צוריק אויפֿ'ן וועג! דער הימעל איז קלאָר, די וואָלקען ציהען זיך ערגיץ וועק; די נאַסע פֿעלדער שמייכלען צום הימעל און דאַנקען פֿאַר דער שפּע...

און איבער דעם קלאָרען הימעל מיט בלויע פֿערטונקענע וואָלקען בייגט זיך אויס אַ גאָלדענער רעגען־בויגען מיט בלאָע קאַנטען. „גאָט איז באַרמהערציג, ער האָט זיך דערמאָנט" — זאָגט דער הימעל און טרוקענט די ערד מיט ליכטיגער ליעבשאַפֿט, ווי אַ מאַמע ווישט אָב די בעקליך פֿון אַ פֿערוויינט קינד...

אויך ערבאַרימדיג זענען די פֿעלדער אַרום... זיי געדענקען פֿון גאָר נישט און וויסען פֿון גאָר נישט...

די זון טיקט זיך. אַ לייכטער וואָלקען שוועבט איבער'ן הימעל, אין מערב גיעסט זיך אויס אַ גאָלדענער ים מיט צוואָרפֿענע בלאָע אינזעלן. אַרונדיגע לבנה שניידט זיך אויס פֿון די וואָלקען און קוקט אַפֿער, ווי פֿון אונטער אַ פֿאָרהאַנג, און דער וואָלקען בעוועגט זיך לייכט ווי אַפֿאָרהאַנג, און שוועבט איבער דער לבנה...

און וואָס אַ מאָל מעהר ווערט דער רויטער ים וועניגער, די טונקעל בלאָע אינזעלן — גרעסער, דער הימעל אַרום אַ ליכטיגער ים פֿערטינקעלט זיך, און דער וואָלקען איבער דער לבנה ווערט שיטערער און לייכטער, און שוועבט אַריבער און עס בעווייזט זיך שוין אַ זילבערנע לבנה.

פֿון דערווייטען בעווייזען זיך עטליכע שיטערע בוימער... גלייך זיי הייבען זיך פֿון ערגעץ אַפֿער, און זיי מעהרען זיך — עס ווערט פֿון זיי אַ וואַלד... און דער וועג פֿערבלאָנקעט זיך צווישען די בוימער און עס שווימען אַרום אין דער לופֿט פֿערבלאָנזעטע קולות... מענשליכע שטימען צוזאַמען מיט אַ געקוואָקעריי פֿון פֿרעש.

אַ פּויערש יונגיל קומט מיר אַקעגען מיט אַ ליעדיל, מיט אַ ווייך קלינגענדיג ליעדיל, און ער נעמט זיך ערגעץ אַראָב אין עק זייט און ווערט פערשוואונדען, און דאָס ליעדיל וויעגט זיך נאָך אין דער לופֿט.

די בוימער ווערען שיטערער, דאָס שימערען פֿון די בלעטער הערט אַ ווילע אויף, עפּעס ווי האָרכענדיג שטעהט די געגענד... מען רוהט זיך אָב... פֿון דער ווייטען הערט מען נור דאָס נעקוואָקעריי פֿון פֿרעש.

און דאָרט ווייט שטאַרט עפּעס אין דער לופֿט... עס קומט וואָס אַ מאָל שאַרפֿער אַרויס, נאָר וואָס ווייס איך נאָך נישט. אַ הונד בילט... דערנאָך געהט אַ אויסגעצויגענער „מע" בלשון רבים. קיה געהען אַהיים זיך מעלקען... גרויסע, גרויסע געלע פֿלעקען בעוועגען זיך... מעעע...

אַ פּויערטע מיט אַ צווייגיל געהט נאָך.

צוויי יודען געהען אויפֿ'ן וועג, האַלטען זעקלעך אויף די פּלייצעס, שטעקעלן אין דער הענד און געהען.

טונקעל ווערט, היימיש איז אַלם אַזוי ווי ביי דער מאַמע אין דער היים.

אָט שטעהט אַ פֿוהר פֿאַר אַ הייזעל אַ קעלביל ליגט אויף די פֿוהר און שרייט, יונגלעך שטעהן פֿאַר'ן הייזעל און פֿרעהען זיך מיט די פֿערד.

די צוויי יודען קומען אן שטעלען זיך אָב ביי דער פֿוהר און רעדען עפּעס מיט דעם פּויער, איינער טאַפּט דאָס קעלביל וואָס איז אויף דער פֿוהר און דונגט עס. דער פּויער האַלט אַ פּיפּקע אין מויל און לאָזט געדיכטען רויך אַרויס, און לאַכט.

דער הימעל איז שוין טונקעל; קליינע שטערען זעהען אוים — ווי ליכטיגע פֿענעטערליך אין די שטובליך פֿאַר מלאָכים, די לבנה ווי אַ גרוים פֿענסטער אין זיין ליעבען נאָמענס פּאַלאַץ... און גאָר אין עק, ווייט, ווייט. פֿערזינקט דאָס לעצטע ביסיל רויטקייט און ווערט פֿערטרונקען און אפשר גאַנצע מחנות פֿערבלאַנזשעטע טונקעל־בלאָע וואָלקען... אָדער ווייס איך וואָס זיי זענען?...

עס בעווייזען זיך שעמעניצער הייזליך... נידריגע הייזליך איינגס אָבגערוקט

פֿון צווייטען, פּלאַץ איז בילליג! ווייבער זיצען אויף די שוועלען פֿאַר די טהירען און שמועסען. קינדער לויפֿען אַרום איבער׳ן שטיינערנעם בריקיל פֿון איבער׳ן אויסגעטרוקענטען טייכיל פֿאַר די הייזער. אין מיטען מאַרק ליגען גרויסע בינד שטרוי; אַוּדאי נאָך אַ מאַרק־טאָג. אין אַ ברייטע „ליק" צווישען צוויי הייזליך שפּיעלען זיך חדר־יונגליך אין זעלנער.

אַ איינפֿאָר־הויז. אַ שילד מיט רויטע טראַנספּעראַנט אותיות... אַ לעמפּיל רייכערט זיך פֿון הינטען. אויף אַ שוועל פֿון אַ געוועלב שטעהט אַ מיידיל מיט אויפֿגעקעמטע האָר אין אַ ווייס פֿאַרטוכיל און קוקט אין גאַס אריין, וואו אַנדערע מיידליך שפּאַצירען, זי קוקט צו דעם פֿעלדשערם שוועל גענגענאיבער. דאָרט שטעהט אַ יונג דער הוט אויף אַ שפּיץ „גרזיווע", ער ווינקט צו איהר... קוק דער־וויל דרייצעניאָהריג מיידעלע. דיין זווג לערנט זיך ערשט דאָס פּשט׳ל צו „בר־מצוה"...

כּמעט ווייבער און קינדער — וואו זענען די מענער?

— יתגדל ויתקדש... רייסט זיך פֿון בית־המדרש אַרוים: דאָרט זענען זיי.

„אמן יהא שמה רבא..." ענטפֿערט דער עולם מיט אַ רעש.

און טהייל ווייבער אויף די שוועלען ווישען זיך די הענד אָן די וואַנד און זאָגען: אמן, יהא שמיה רבא...

שעמענעץ דאַוונט!

די נאַכט איז צוגעפֿאַלען. זיכער און שטיל שטעהען די קליינע הייזליך אַרום מאַרק זיי זעהען מיר אוים, ווי אַלטע ווייבער מיט שטריק־נאָדלען אין די האַנד וואָס האָבען זיך פֿערזאַמעלט אין אַ גרויסע שוהל און וואַרטען, די זאָגערין זאָל קומען, די זאָגערין מיט ברילען אויף דער נאָז, מיט׳ן פּעקיל התּחנות אין דער האַנד...

אָבער אַ לבנה האָט שעמעניץ,

טונקעל איז דער הימעל, מיט שטערן ווי מיט ליכטיגען מאָן בעשיט, אין מיטען ענייידט זיך אוים אַ ריכטיגע לבנה, טאַקי יהושע׳ס פּנים, אָן אַ איינציג פּגימה׳לע, די שכינה שיינט אויפֿ׳ן הייליגען פּנים.. און זי קוקט אַראָב, די לבנה, אויף איהרע ליעבע „כּנסת ישראל" און שמייכעלט צו׳ן איהר, איהר כּנסת ישראל דאַוונט.

און אונטער מיר פֿרעגט אַ יונגע שטימע:

— מען מעג דען קוקען אין דער לבנה אריין? יאָ, מען מעג?

איך קוק מיך אום אַ פּאָר גרויסע קינדשע אויגען אין אַ בלאַס דאַר פּנים׳ל.

— יאָ מען מעג קוקען יאָ? מען מעג?

און איך טראַכט מיר: די שעמעניצער לבנה איז אפשר דעריבער אַזוי קלאָר, אַזוי הייליג, אַזוי ריין, ווייל קיינער קוקט נישט אויף איהר...

אַגעגט פֿאַר־פֿאָלג.

איל ז ש ע הייסט דאָס שטעדטיל. קליין איז עס, די הייזער טוליען זיך צונויף און שטעהען ווי זיי וואָלטען צווישען זיך בעהאַלטען אַ פֿערטרויערטען סוד. און גאַנץ לאַנג און גאַנץ ברייט ציהט זיך אַריבער דער הימעל איבער זיי און קוקט אַראָב פֿון דער הויך צו די מענשען, וואָס קריכען אַרום צווישען די הייזליך.

דער הימעל, זאָגען מענשען, איז אומעטום גלייך. אָבער, זעהט איהר, דעם אילזשער הימעל האָט טאַקי דער אויבערשטער דוקא דירעקט פֿאַר איהר געמאַכט, — דעם שטעדטיל׳ס הימעל. אָבגעפּאַסט איז ער, אַז ער זאָל זיך ציהען פֿון דאָרט, פֿון נאָך דעם גוי׳שען „בית עולם" ביז ווייט אונטער דעם באַרג, וואָס איז אויף יענער זייט שטעדטיל. אָבגעפּאַסט איז ער, אַז דער סאַמע מיט זאָל גלייך אויסקומען געגענאיבער דער שוהל. ווען מען זאָל דעם הימעל מעסטען, וואָלט אויסגעקומען, אַז דאָס פֿעהנדיל פֿון דער שוהל שטעהט פּונקט אין מיטען הימעל, און מיט אַ כּוּון איז דאָס אַזוי געמאַכט געוואָרען, כּדי דער הימעל זאָל קענען אַלץ צודעקען, אַלע שיצען, אפילו אויך דעם גוי׳שען „בית עולם". זיי זענען דאָך געוועזען אילזשער גוים, און אַ אילזשער גוי, מוזט איהר וויכען. איז אַ רעכטער צדיק, האַלט מעהר פֿון שבּת אײדער פֿון זונטאָג — זאָל ער זיך איין עצה געבען, אַז שבּת זענען דוקא אַלע געוועלבער פֿערמאַכט און זונטאָג דוקא אָפֿען... אפילו דער אילזשער סטראַזשניק איז אויך מעהר יוד ווי גוי: ער רעכענט זיך מעהר מיט׳ן יודישען לוח, איידער מיט זייערן... אפילו זיין מונדיר טראָגט אויף זיך דעם ריין יודיש־אילזשער חן, אויך דאָס היטיל זיינס און די שליפּעס; נאָך מעהר, אפילו אויף דעם שפּיטץ פֿון דער קירכע וואָלט מען געקענט בעמערקען אויך עפּים יודישעס: אויף דעם דריידעלע און חנ׳דיל, וואָס איז אויף דעם שפּיץ ליגט עפּים אוים געגאָסען נחום מאיר דעם גלעזערס שיק...

איז דאָך שוין קיין וואונדער נישט, וואָס דער הימעל דעקט צו אפילו זייער „בית עולם", דער גאַנצער אילזשער הימעל שטעהט דאָך אויף דעם ביסיל תורה, וואָס לאָזט זיך הערען פֿון די שפּאַלטען פֿון דעם קליינעם בית המדרש. און ווען די טים וואָלטען נישט געאַרבעט, וואָלט׳ן יודען נישט געקענט זיצען און לערנען די הייליגע תורה.

אילושא, מוזט איהר וויסען, האָט אַ מעלה, וואָס האָט קיין קאָנקורענציעס
נישט אין זיך. יעדעס האָט זי צו איינס: איין רב, איין דַיָין, איין רבי, שוחטים
דוקא צוויי — נאָר איינער איז אַ חזן, — איין בעל הבית און איין חסיד, איין נגיד
און איין אָרימאַן, אפילו אַ משוגע׳נעם מיט אַ נאַר, מיט כל מיני קאַליקעס האָט זי
אויך נור צו איין, איין איינציגעס. אויך אַ „דייטש״ איז אַמאָל ביי איהר געווען נור
איינער, אַ פעלדשער איז ער געווען, איז ער אָבער געשטאָרבען, און פֿון דעמאָלט
אָהן בענגט אילושע נאָך אַ דייטש... נאָר דעם חסרון פֿערפֿילט יחזקאל מיכאל׳ס, וואָס
קומט צו פֿאָהרען אויף יעדען יום־טוב צו זיינע עלטערן.
יחזקאלס מיכאל׳ס איז אַמאָל געווען אַ בית המדרש בחור, האָט ער חתונה גע־
האָט טאַקי פֿון אילושע, און דערנאָך אַז ער האָט שוין געהאַט אַ קינד, פֿאַלט איהם
איין אַ נאַרישקייט און ער פֿאָהרט אַוועק נאָך וואַרשוי. קומט ער צוריק דייטש
געקליידעט. דער שווער הויבט אָן שרייען, דאָס ווייביל וויינט און מען חאַפּט דעם
גוי אַריין צום רב.
דאָס וואַסער אין אילושע האָט אַ נאָמען און גט׳ן מעג מען.
און דאָס ווייביל וויינט און נעמט גט.
דאָס קינד איז געבליעבען ביי איהר, ער איז צוריק נאָך וואַרשוי.
אויף אַלע יום־טוב קומט ער אַהיים צו זיינע עלטערן. אין שטעדטיל זאָגט
מען אפילו, אַז דאָס פּאָר פֿאָלק האָט נאָך צווישען זיך אַ גרויס שייכות, נאָר דאָס
איז אַ ליגען. דאָס ווייביל קען זיין נאָמען נישט הערען, און וויל נור נישט נאָך
אַמאָל חתונה האָבען גאָר דערפֿאַר, וויל זי וויל דאָס קינד זאָל אַביסיל עלטער ווערען.

געוועזען איז עס שבת נאָך מיטאָג. אילושע האָט אויפֿגעעפֿענט איהרע טויערען
און אַרויסגעפֿיהרט איהר ביסיל פֿערמעגענס אין גאַס אַריין. איטליכעס ווייביל, וואָס
האָט נור וואָס עס איז פֿערמאָגט, איטליכעס מיידיל, וואָס האָט נור געהאַט בע־
האַלטען אַ וועלכע עס איז אַ שמאַכטע, האָבען זיך אָנגעטהון, אויסגעפּוצט און
שפּאַצירען געגאַנגען. אויף צו ציהרען זיך, און צו שפּאַצירען האָט אילושע איהר
בעזונדערן שיק. עפּיס דאָס געהען פֿון יעדען ווייביל, פֿון יעדען מיידיל איז מיט
אַ כּוָן, עפּיס מיט אַ בעזונדערן מין: „זעהסט, איך האָב מיך אויס־געציהרט,
איך מיר שפּאַצירען, כּדי צו בחנ׳ווען אילושא מיט מיין שענקייט״...
פֿאַר אַ הויז שטעהט יחזקאל מיכאל׳ס, אַ הויכער יונגער מאַן, אָנגעטהון אין
אַ שוואַרצען קאַפּעלוש. דאָס שניריל פֿון קאַפּעלוש איז צוזאַמענגעפּלאָכטען מיט דעם
שניריל פֿון די ברילען, וועלכע רייטען עזות׳דיג אויף זיין נאָז, און דאָס שניריל איז
אַריינגעשטעקט אין אַקנאָפּ פֿון פּאַלטא, און ער שטעהט און קוקט מיט אַ געלעכטעריל
אויף די שפּאַצירענדע. קינדער רינגלען איהם אַרום, בעקוקען איהם פֿון קאָפּ ביז
פֿיס די עלטערע מענשען שטעהען פֿון דערווייטען. איינער מיט קאָפּ און באָרד פֿול
מיט פֿעדערן און מיט וואָנצעס, וואָס טראָגען נאָך אויף זיך דעם סימן פֿון געטרונקענעם
רויטען ווישניאַק, שטעהט און טייט מיט אַ פֿינגער אויף איהם. טיידליך און
ווייבליך וואַרפֿען אויגען און פֿערשעמענדיג לויפֿען זיי פֿלינק פֿאַרביי. טהייל

קוקען איהם גלייך אין
ווייזען, אַז זיי זענען נישט קיין קליינשטעדטיגע בהמות און קוקען איהם גלייך אין
די אויגען אַריין. און ער קוקט, שמייכעלט, מאַכט אַ מינע פֿון אַ גרויסשטעדטיגען
קאַטערינשציק טאַנצט.
אַקטיאָר, ווען ער זעהט ווי אַ קליין שטעדטיגער קאַטערינשציק טאַנצט.
באַלד, עפּיס ווי פֿון הימעל אַראָבגעשפּרונגען, איז צו איהם צוגעגאַנגען אַ קליין
פֿינף יעהריג מיידיל, אָנגעטהון אין אַ רויט קליידיל מיט אַ ווייס שערציל, און
גלעטענדיג יחזקאל מיכאל׳ס ביי דער האַנד, האָט זי ליעבליך געקוויטשעט:
— טאַטעשי, טאַטעשי!
יחזקאלס מיכאל׳ס האָט אַרומגענומען דאָס קינד, עס אויפֿגעהויבען, צוגענומען
עס צו זיין האַרץ און געטריי געקושט.
— זעהסט, טאַטעשי, — זאָגט דאָס קינד, — מאַמע האָט געקויפֿט, —
און זי ווייזט דאָס נייע רויטע קליידיל, אין וועלכען זי איז געווען אָנגעטהון, דאָס
שירציל און די שוואַרצע שיכליך.
און ער גלעט דאָס קינד:
— מיין טאָכטעריל, מיין קינד, מיין לעבען...
— מאַמע האָט אָבגעוואַשען, אויפֿגעקעמט, און געשיקט צום טאַטען, —
זאָגט ווייטער דאָס קינד אויפֿהויבענדיג די קליינע אייגעליך אין דער הויך צום פֿאָטער
צו און פֿון די דינע רויטע צוזאַמענגעצויגענע ליפּעליך האָבען זיך אַרויסגעוויזען צוויי
שורות ווייסע ציינער. די העהרליך האָבען לייכט געציטערט איבער איהר דינעם
האַלז.
ער שווייגט און גלעט דאָס קינד.
הינטער אַ טויער, וואָס איז גלייך געגענאיבער, שטעהט אַ יונג ווייביל און
קוקט אַרויס דורך אַ שפּאַלט. זי זעהט, ווי יחזקאל גלעט דאָס קינד, אַזוי ווייך
אַזוי טאַטעדיג, און ווי דאָס געזיכט פֿון קינד לייכט פֿון פֿרייד, שפּרינגט צום
טאַטען. דער מוטער טהוט דאָס אַ גרויסע הנאה באַלד אָבער רוקט זיך אַראָב איהר
קליינער שטערן, און אַ זיפֿץ לאָזט זיך הערען אין דער שטיל.
— טאַטעשי קום, — רייסט דאָס קינד דעם פֿאָטער ביי דער האַנד.
יחזקאל מיכאל׳ס האָט אָנגענומען דאָס קליינע קינד ביי דעם קליינעם הענטיל
און מיט איהם שפּאַצירען געגאַנגען.
די זון האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר אָנגעהויבען אַרונטער לאָזען אונטער דעם
באַרג, און האָט זיך פֿערבלאָנזשעט דאָרט טיעף צווישען פֿיעל בלאָע אינזעלן. אַ לייכטע
חמאַרע שוועבט אויף דעם הימעל, און דאָרט איבער דעם באַרג זענען עפּיס ווייסע
וואָלקען, ווי ווייסע בערג בעגילדעט געוואָרען, בעגילדעט איז געוואָרען דער שפּיץ
פֿון דער חורבה, וואָס איז אויף דעם באַרג.
יחזקאל געהט מיט דעם קינד טריט ביי טריט, און גלעט עס לייכט מיט דער
האַנד איבער די געגרייזעלטע העהרליך.
הינטער דעם טויער שטעהט דאָס ווייביל און קוקט נאָך און שמייכעלט, דער
טאַטע מיט׳ן קינד געהען פֿאַר׳ן טהויער דורך.
דאָס ווייביל איז פֿלינק אַרונטער הינטער דעם פּלויטיל, וואָס איז ביי דעם
טויער, און קוקט מיט איין אויג אַרויס.

זיי זענען פֿאַרביי געגאַנגען, און זי איז אַרויס פֿון דעם פֿלויטיל. איהר רויט געזיכט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען פֿון אונטער דעם שייטיל, האָט אין דער שטיל געשמייכעלט.

— זעהסט, טאַטעשי, דאָ וואָהנט די מאַמעשי, קום! — זאָגט דאָס קינד, ציהענדיג דעם פֿאָטער ביי דעם אַרבעל.

ער איז שטיל געוואָרען און האַלטענדיג פֿעסט דאָס קינד ביי דעם הענדטיל, איז ער ווייטער געגאַנגען.

דאָס קינד האָט זיך פּלוצלינג אומגעדרעהט און האָט דערזעהען, די מוטער שטעהט פֿאַר דעם טויער. און ציהענדיג דעם פֿאָטער ביים אַרבעל, האָט זי געשריגען:

— טאַטעשי, טאַטעשי, — די מאַמע. די מאַמע! — האָט דאָס קינד פֿרעהליך געטאַנצט, ווייזענדיג מיט'ן פֿינגער אַה'ן צום טויער...

עפּיס ניט ווילענדיג האָט זיך יחזקאל מיכאל'ס אומגעקעהרט און האָט דערזעהן זיין געוועזענע פֿרוי.

אַ מינוט איז דאָס פּאָר־פֿאָלק געשטאַנען און געקוקט איינער אויף דעם אַנדערען, באַלד אָבער האָבען זיי זיך ביידע אָן עפּיס דערמאָנט, זי איז פֿלינק אַרונטער הינטער דעם טויער, און ער האַלטענדיג דאָס קינד ביי'ם הענטיל, איז מיט גיכע טריט ווייטער אַוועק אין געסיל.

— טאַטעשי, טאַטעשי, — די מאַמע, די מאַמעשי דאָרט.

מַחֲלוֹקֶת אִין קָארְטְשֶׁעוו.

דער וועג קיין קאָרשעוו לאָזט זיך אין אַ טהאָל אַראָב. פֿון אַלע זייטען לאָזען זיך מיט אין דעם זעלבען טהאָל אַראָב לאַנגע בּייטען ערד, טהייל נאָך שוואַרצע, ערשט בעאַקערטע; פֿון אַ טהייל בּייטען הויבען שוין אָן גרינע קערענדליך שמייכעלדיג די קעפּ אַרויסצושטעקען, און זיי שמייכעלען און ווינקען אַזוי שען פֿון דער ווייטענס און טהייל בּייטען זענען שוין אין גאַנצען מיט גראָז בעוואַקסען. פֿון דער אַנדער זייט שטעדטיל זעהט זיך, ווי עס ציהט זיך פֿון טהאָל באַרג־אַרויף אַ זאַמדיגער וועג, פֿון ביידע זייטען מיט בעפּלאַנצטע בּוימער. צוזאַמען מיט דעם וועג ציהען זיך מיט אין דער הויך די לאַנגע, טהייל נאָך שוואַרצע, טהייל שוין בעגראָזטע, און טהייל שוין גאָר אין גאַנצען מיט הויכע גראָזען בעוואַקסענע בּייטען און מישען זיך דאָרט אַלע צוזאַמען, ביז זיי ווערען אין גאַנצען פֿון דערווייטען פֿערשוואונדען פֿון דעם אויג. איבער דעם אַלעם שפּרייט זיך אויס פֿון אויבען אַ גאַנץ לאַנגער און אַ גאַנץ בּרייטער ליכטיגער הימעל. אין וועלכען גרויע וואָלקענדליך באָדען זיך און טיקען זיך אין איהם.

הונטען אין דעם טהאָל אויף אַ קליינעם פּלאַץ, האַרט ביי אַ וואַסעריל פֿון איין זייט, האַרט ביי אַ וועלדיל פֿון דער צווייטער זייט, זענען צושאָטען איינצעלנע הייזליך, די דעכער זענען איינס צוגענייגט צום צווייטען, — דאָס איז דאס שטעדטיל קאָרשעוו, אַ עיר ואם בישראל. קוקענדיג אויף דעם הימעל, וואָס פֿערשפּרייט זיך איבער דעם שטעדטיל, ווי אַ גאַנץ בּרייטע און אָנענדליכע חופּה איבער אַ קליינעם שוואַרצען פּונקט, וואָס איז פֿערטרונקען אין אַ גרינעם גראָזעדיגען ים, דאַכט זיך אַז דער הימעל פֿערגעסט עפּעס קורטשעוו. קורטשעוו איז אַ פּונקט, פֿערפֿלעקט אויף דעם אויבער דעק פֿון זיין כּלה — די ערד. נור קורטשעוו טראַכט ביי זיך נישט אַזוי, דער הימעל שיצט איבער איהר מיט אַ בעזונדער געטריישאַפֿט און ליעבע. קאָרשעוו איז טאַקי אַ קליין שוואַרץ פֿלעקיל, וואָס איז אויס־געמאָלט אויף דער ערד, און איבער דעם דאָזיגען פֿלעקיל שיטצט דער הימעל מיט גרויס רחמים און לאָזט זיך איבער איהם אַראָב אַזוי ווייך און גלעטענדיג וואָס אַמאָל נידריגער און נידריגער.

דאַכט זיך דער הימעל שיצט אויך אַזוי ווייך, אַזוי געטריי איבער דעם נאָהנטען וועלדיל, ווי איבער קאָרשעוו — ער בעשטעהט דאָך נור פֿון בּוימער־

וואס שטעהען ווארטענדיג, ביז מען וועט זיי אבהאקען און פערברענען, אין פייער אין קארטשעוו גופא...?

און קארשעוו אבער — דער הימעל איז נור דירעקט צוליעב איהר: זי האט אויף איהר גוט—ארט דריי היילינע צדיקים בעגראבען, איהר שוהל, בית המדרש, הויז שטיבליך און פריוואט מנינים, וועלכע שפאלטען דורך דעם הימעל דריי מאל א טאג,

נאך מעהר איז די קארשעווער קהלה בעריהמט מיט איהר נחלה־שאפט, יעדער מענש אין קארטשעוו מוז זיין אייגענע נחלה האבען — זיין שטוב חאטש זיין אייגען ווענטיל.

עס זאל דיר אבער נישט וואונדערן, ווען דו געפינסט קארשעווער הייזליך פער־שידען־פארבע אבגעמאלט: איין שטיקל וואנד רויט, דאס צווייטע שטיקל ווייס־אבגעמאלט, פון דעם דריטען שטיקל וואנד זעהט מען ארויס די שטיקליך האלץ, וואס זענען אין דער לענג און אין דער ברייט צוזאמענגעקלאפט (אודאי א טהייל פון א אביון). דאס דאך איז אויך ניט אומעטום גלייך. איין שטובעל־דאך איז בע־שלאגען מיט שינדלען, דאס צווייטע איז געדעקט מיט שטרוי, דאס דריטע מיט בלעך, א טהייל איז גאר אין גאנצען אפען. דאס איז נישט פון שענקייט וועגען — געה, זיי מוחל, און לייען איבער די נעמען, וועלכע זענען אנגעשריבען אויף דעם ביעכיל, וואס איז אנגעקלאפט פאר דעם הויז, און וועסט געוואהר ווערען, פאר וואס עס איז אזוי:

№ 3

חצקיל מענדעלאוויטש.
ישעיה ווארשאווסקי.
זרח פייגענשטאק.
גדליה גוטמאן.
און אזוי ווייטער...

שען איז צו זעהען אין דער פריה. ווען די בעלי־בתים פון די שטיבעליך לאזען זיך ארויס, יעדער זיין שטיקל גאס פאר זיין הויז אבצוקעהרן.

חצקיל קעהרט אוועק זיין שטיקל רינשטאק, ישעיה זיין שטיקל און זרח זיינס, נאר תמיד בלייבט איבער צווישען איין טהייל רינשטאק און דעם צווייטען א שטיקל נישט ריין געמאכט. דער סטראזשניק קומט אן, זרח „שרייט": איך האב דאס מייניגע אוועק געקעהרט, גדליה: דאס שטיקל געהערט צו דיר", חצקיל מאכט זיך גאר אין גאנצען פון שטויב ארויס.

און דער סטראזשניק נעמט ארויס דאס ביכיל, האלט דעם בליישטיפט אין דער האנד און דריידעלט מיט דער האנד ארום און ארום, ציקעלט זיך עפיס א אות צו מאכען און קוקט דערוויל מיט איין אויג אויף די בעלי־בתים, וואס האלטען די בעזעמס אין דער האנד און קריגען זיך.

— געה גיב איהם א אידער (א צעהנער), לאז איהם נישט פערשרייבען) — שרייט זרח.

— איך זאל געהען? --- שרייט חצקיל — וואס איז עס מיין געשעפט? געה צוברעך הענד און פיס!

— ביים גרינעם טיש וועסט דו שוין אזא בריה נישט זיין — ווארענט איהם ישעיה.

— גרין און געל זאל דיר דיין טרפה פרצוף ווערען, רבונו של עולם פון הימעל, בעקומט ער א ענטפער פון חצקילס ווייב, וואס שטעקט דישלאפהויב ארויס פון דורך א פענסטער אין דערהייך.

דער סוף איז מען לעגט זיך צוזאמען. יעדער גיט א פיהרער און מען טראגט עס צו דעם סטראזשניק.

דער לעצטער שפייט אוים, הייסט מיט א בייזערדיגער שטימע אויסקעהרען, נעבענדיג צו פערשטעהן, אז מיט דעם איז מען נאך נישט יוצא, און אריינלעגענדיג די גראשען אין קעשענע געהט ער אוועק ווייטער.

א בעשטענדיגע מחלוקה איז אין קארטשעוו צווישען ליביל דעם מלמד און בעריל דעם פוהרמאן.

די מעשה איז אזוי:

אמאל האבען זיי ביידע געהאט, צוויי איינגעפאלענע שטיבליך אונטער איין דעכיל — א ירושה פון זייערע עלטערן. געוואהנט האבען זיי ביידע נישט דארט, איינס די פאליציע האט נישט געלאזט, ווייל זי האט פערלאנגט, מען זאל די חורבה צווארפען. נאר ווען זי וואלט אפילו יא מתיר געווען, וואלטען זיי סיי ווי סיי דארט נישט געוואהנט: דער דאך איז אראבגעריסען, די ווענדליך שאקלען זיך, און אריינציהענדיג זיך דארט, אויסער וואס מען דארף אריינלייגען געלד, צורעכט צומאכען די חורבה (וואס נישט ביידע זענען עס אומשטאנד), וואלטען זיי נאך דערמיט איינגעשטעלט זייער לעבען און זייער קינדערס לעבען, און אזוי האט זיך ליביל מלמד וואו ערגיץ אנדערש זיין חדר און בעריל וואו אנדערש זיין שטיביל. און די בעלי בתים לעבען צווישען זיך אין שלום. טרעפט מען זיך אמאל צוזאמען אין בית־המדרש אין א שבת פאר נאכט, געהט בעריל דער פוהרמאן צו צו ליבילין און לאזט אראב זיין דיקע בעשמוצטע האנד אויף ליבילס אויסגעמאגערטע רוקען וואס האלט תמיד אין איין ציטערן.

— נו, ליביל, וואס הערט מען עפיס מכח אונזער נחלה?

ליביל קעהרט זיך אום, ברומט אונטער די נאז, פאר זיך.

— גראבער יונג.

וואס טהוט דער יצר הרע, וואס לאקערט אויף די כנסת ישראל צו פאר־שטריטען קריגע צווישען זיי? שיקט ער אן פייער אויף קארטשעוו. דאס פייער לעקט אב די נחלה פון אונזערע ביידע העלדען, און לאזט איבער א „כותל מערבי", א געדעכטעניש אויף דעם חורבן.

ארום זעהט מען ארום שווארצע, האלב־איינגעפאלענע קוימענס, וואס

שטעהען ווי אָבגעשאָפּטע שמשים און צווישען די קוימענס שטעהט זיך איינגע־קאָרטשעט, אַ נידריג שוואַרץ ווענטיל, צוזאַמען געקלאַפּט פון אַ פּאָר פערברענטע ברעטליך. די קוימענס זענען באַלד צוריק בעמויערט געוואָרען, קאָרשעוו איז צוריק — קאָרשעוו, און נור דאָס פלויטיל שטעהט אַ געדעכטעניש פון דער שׂרפה.

קריגען זיך איבער דעם פלויטיל צוויי בעלי בתים — ליביל מלמד און בעריל כּוהרמאַן.

ליביל ווייזט אויס מיט ראיות און פערשידענע פּשט'ליך אַז דאָס פלויטיל איז אַ ווענטיל פון זיין שטוב. ער דערקענט נאָך אַפילו די צוועקעס, וואָס ער האָט אַריינגעקלאַפּט אין וואַנד אויפצוהענגען דעם זייגער און די אַטלעסענע קאַפּאָטע; ער דערקענט דעם צוואָק, וואָס אויף איהם האָט ער געהאַט הענגען טלית און תפילין — ער איז נאָך אַ ביסיל איינגעבויגען. בעריל טענה'ט אָבער: ער ווייכט, אַז דאָס פלויטיל איז אַ ווענטיל פון זיין שטוב; קיין ראיות וויל ער נישט ברענגען — לערנען קען ער נישט.

געהען זיי ביידע צום רב. דער רב מאַכט אַ פּשרה: וואָהנען דאָרט קען מען דאָך סיי ווי סיי נישט, אֶלָא מַה צו וואָס קען נוצען דאָס פלויטיל? נור אויף אַ וואַנד צו אַ סוכּה, און אַ סוכּה דאַרפען זיי דאָך ביידע, לאָז דאָס פלויטיל שטעהען אויף סוכּות, און לאָזען זיי זיך ביידע דאָרט אַ סוכּה מאַכען.

טענה'ט אָבער בעריל: לאָ, ער דאַרף דאָס פלויטיל אויף אַ שטאַל פאַר זיין פערד. אַ גראָבער יונג איז ער און ווייסט אַפילו נישט צו זאָגען קיין להבדיל צווישען אַ סוכּה און אַ שטאַל.

ליביל מלמד ווערט אויפגעבראַכט: זיין נחלה, זיין פאָטער האָט דאָרט געוואָהנט, זיין זיידע — זיין עלטערזיידע, פון דעם פלויטיל מאַכען אַ שטאַל? ניין, אום לעבען זאָל עס איהם געהן.

בעריל פיהרט אַוועק אַהין צום פלויטיל אַ גוי מיט אַ זעג און אַ האַק, נעמט דער גוי אַרויס אַ שטריקעל און הויבט אָן דאָס פלויטיל צו מעסטען, ווערט דערפון געוואָהר ליביל מלמד קומט ער אָן צו לויפען. און ער פערשטעלט דאָס פלויטיל מיט ביידע פאלעס און לאָזט נישט מעסטען.

— געהסט אַ וועק — איך צוהאַק דיר דאָ דעם קאָפּ — שרייט בעריל.

— לאָזט מיך צו צו דעם עוכר, לאָזט מיך, איך וועל איהם קורע כּדג זיין, שרייט ליביל.

יוסקע לאַבוס — אַ באָרפיסער און נאַקיטער יונג מיט אַ צוריסען היטיל שטעהט דערביי און קוקט.

— ווער האַלט איהם דען צו? — לאָזט איהם, לאָזט איהם, — און ווינקט מיט אַ אויג צו בעריל'ן: נעם איהם.

עס ווערט אַ קריגערייַ, יודען קומען זיך צונויף, מען מישט זיך אַליין, מען רייסט אַוועק בעריל'ן פון איין זייט, לייביל'ן פון דער צווייטער זייט און דער גוי געהט צוריק אַהיים מיט דער זעג.

דער מלמד הויבט אָבער אָן צו פערנאַכלעסיגען זיין מלמדות, געהט אַ גאַנצען טאָג אַרום און קלערט וועגען דער נחלה, און וואו ער זעהט אַ גוי פאַרביגעהן מיט

אַ האַק אויף דער פלייצע קלאַפּט איהם דאָס האַרץ און ער געהט איהם נאָך קוקט אויב ער געהט נישט אַהין צו זיין פלוטיל.

טהייל מאָל ליגענדיג ביי נאַכט און בעט, חאַפּט זיך דער מלמד אויף, טהוט זיך אָן דעם שלאַפראָק און לויפט אַהין צום פלויטיל. עס דאַכט זיך איהם אַלץ, אַז בעריל שטעהט מיט אַ האַק פאַר דעם פלויטיל און צולעגט עס, און מאַכט זיך פון איהם אַ שטאַל.

זיין ווייב שרייט: גזלן, קוילעסט דאָך דיך מיט די קינדער אַוועק, לאָז געהן אַ כפּרה בעריל מיט'ן פלויטיל אין איינעם. וואָס האָסט דו דען דערפון?

— חצופה, מיין טאַטענ'ס!...

און אַגאַנצען טאָג דרעהט זיך ליביל אַרויף און אַראָב פאַר דעם פלויטיל, חאַפּט אָן יעדען פאַרביגעהער, נעמט איהם אָן פאַר די לאַצען און גיט איהם צו פערשטעהען, מאַכענדיג מיט די פינגער:

— זעה, והא ראיה, אַז דאָס פלויטיל איז מיינס — זעה, דאָ איז געווען אונזער שטיבעל, דאס פלויטיל איז טאַקי געווען די מזרח־וואַנד, פלעג איך אַמאָל אין דער היים מנחה דאַווענען שטעל איך מיך אַנידער ביי דעם ווענטיל טאַקי ביי'ם פלויטיל, אט דערקען איך נאָך די צוועקעס, האָסט דו דאָ די צוועקעס וואָס איך האָב זיי אַליין אַריינגעשלאָגען.

און ווען דו געהסט אַזוי ביי נאַכט איינער אַליין אין די גאַסען פון קאָרטשעוו, זעהסט דו ווי אויבען אין דער הויך שפּיגעלט זיך אָב די לבנה און קוקט טרויעריג אין ערגסט אַראָב אויף די נידריגע הייזליך, און אונטער אַ קליין נידריג שוואַרץ פלויטיל, וואָס זעהט אויס ווי אַ שוואַרצער פלעק, ליגט עפּיס ווער אַיינגעטוליעט, דעם קאָפּ צוגענייגט צום פלויטיל און שלאָפט. די בלייכע לבנה קוקט אַראָב צו איהם, בעוויכטענדיג עטוואָס טרויעריג זיין קאַלטען קערפּער. וואָס איז אַרומגע־וויקעלט אין איין לייכטען האַלאַטיל. דאָס איז ליביל דער מלמד, היט אָב זיין ירושה.

תִּשְׁעָה־בְּאָב

(אַבילד אין דער גאַס)

... און די כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל האָבען זיך מיט'ן הקדוש־ברוך־הוא אַ ברוגז'ל געמאַכט! ווי אַ שׂענע כלה, וואָס ווארפט צוריק דעם חתן די כלה־מתנות'ליך: נעה דיר, נעה. אַזוי האָבען די כנסת ישראל אויך צוריק געוואָרפען די תורה דעם בורא עולם: נעה דיר, אוים מחותנים־שאַפט! יונגע אײדימליך, וואָס זענען אויף קעסט, און בחורים דרעהען זיך אַרום פוסט און פאַס. חדר־יונגליך, ווי עס וואָלט שוין קיין קאַנטשיג, קיין חדר, קיין רבי אויף־דער וועלט נישט געווען, לויפען פריי און פראַנק אין מיטען מאַרק אַרום, און אין דעם אַלטען בית־המדרש זיצט די תורה אײנע אַליין. זיך אין אַ ווינקעלע פּרויערט, און האָט פרעטענזיעס צו דער שכינה: אַלע האָבען מיך פערלאָזט!

די זון האָט נאָך געוואָרפען אַ אָבגלאַנץ אויף די דעכער פון שטעדטיל, אײפ'ן האַלבען קלאָמץ, וואָס שטעהט אין מיטען מאַרק (אַ שְׂרִיד וּפָלִיט פון אַ צולעגטען צירק), נאָך בעגילדט די שויבען פון דעם גרויסען אײנפאָהרהויז, וואָס שטעהט אין אָנהויב שטעדטיל; אין מערב זייט אָבער האָט שוין די רויטגאָלדענע זון געגוסעט, און אַ שווערער וואָלקען, וואָס האָט זיך קאַלט־בלוטיג געטראָגען פון יענער זייט שטאָדט, האָט איהר פלאַמענדיג אויג בעצויגען ווי מיט אַ גרויער הויט. די פיעלע ליכטיגע שטראַהלען, וואָס בלאָנזשען נאָך אין מאַרק, זענען שוין ווי דאָס ליכטיגקייט פון אַ לאָמפּ, וואָס מען האָט איהר קנויט אַראָב געדרעהט...

אין העלען טאָג הויבען זיך אָן אין דער גאַס די געוועלבער צו פערמאַכען, אײנציגווייז, אײנציגווייז... און יעדעס געוועלב, יעדעס געוועלב, ווי עס פערהאַקען זיך נור די טהירען, ווי עס ווערען פערשוואַרצט די פערשידען פאַרביגע שילדען און אויף זייער אָרט בעווייזט זיך אַ שוואַרצער פלעק אויף דער ליידיגער מויער, — זעהט עס אוים ווי אַ ליכטיל, וואָס ווערט פּלוצים אין אַ ליכטיג העלען בעלויכטענדע שטוב אויסגעלאָשען... און באַלד נאָך אַ ליכטיל און נאָך אַ ליכטיל, און פינסטער ווערט עפּים ווי אַ גאַסט, וואָס פערלאָזט דעם חתונה־זאַל; באַלד נאָך אַ גאַסט, און נאָך אײנער... און עס גנבה'ט זיך אַנ'אומעט אַריין...

ערגיץ פאַר אַ טהיר שטעהט אַ הויכער, דאַרער יוד, אָנגעטהון אין אַ צוריסענער קאַפּאָטע, די לענדען פעסט מיט אַ גאַרטעלט אַרום געגאַרטעלט; ער פערגלאָצט די

אויגען און קוקט אין הימעל אַריין, די דאַרע באַקען בעוועגען זיך, ווי אַ ווינדט'ל וואָלט צווישען צוויי הוילע בלעטער געפייפט, באַלד נעמט ער די אויגען פון הימעל אַוועק, און ער קוקט פרום אין מאַרק אַריין, מיט אַ מינע ווי אײנער זאָגט: רבונו של עולם, איך וואַרט אויף דיין בעפעהל... דערווייל זענען נאָך די כנסת ישראל אין די שטיבער פערזאַמעלט, חאַפּען אַריין דעם לעצטען ביסען — און מאַכען זיך גרייט, מיט אַ טרויעריג פנים, זיך צו נעהמען צו דער „איכה". אין דער גאַס איז שטיל, די הייזליך שטעהן אַרום דעם מאַרק און שווייגען, וואַרטענדיג אויף עפּים.

באַלד טרעט אַרויס פון ערגיץ אַ הויז אַ דאַרער, הויכער געלער יוד. זיין אײנגעטריקענטער גוף טראָגט זיך אין אַ ברייטען, ווייסען חאַלאַט. פון דעם קאַלנער ציהט זיך אַרויס אַ הויכער, דאַרער האַלז, אויף וועלכען עס בעוועגט זיך אַ לאַנג אויסגעצויגען פנים, מיט געלע האָהר, אַ געלע באָרד און אַ לאַנגע בלייכע נאָז. פון אונטער די פאָלעס ציהען זיך צוויי לאַנגע פים אַרוים, אָנגעטהון אין ווייסע זאָקען אָהן פאַנטאָפעל און דער יוד אין די זאָקען געהט, אינטערשפּרינגענדיג אַלע ווײלע, בשעת ער טרעפט אויף אַ שפּיציגען שטיין. ער טראָגט אין דער האַנד אַ ספר'ל אָהן טאָוולען און דער יוד געהט איבער'ן מאַרק און מאַכט דעם אײנדריק פון אַ טויט־שיהל — קלאַפּער וואָס רופט מתים אין שיהל אַריין...

באַלד בעווייזט זיך נאָך אַ יוד, און נאָך אַ יוד, — פון יעדען הויז לאָזען זיך אַרויס קופּקעס יודעליך אָנגעטהון אין צוריסענע קאַפּאָטעס, אין ווייסע זאָקען ווי די אבלים, און אַלע לאָזען זיך צום ראָג צום שוהל־געסיל.

אין גאַס ווערט שטיל. וואַכענדיג איז אַלץ, לאַנגע בלייכע, וואַכענדיגע יודען, נידריגע אײנגעפאַלענע וואַכענדיגע הייזליך און דער קאַלטער וואַכענדיגער פאַר־נאַכט פון נעכטען, פון אײער־נעכטען ציהט זיך ווייטער איבער'ן שטעדטיל, אין דאָך זענען די געוועלבער, פונקט ווי פרייטאָג פאַר נאַכט, פערמאַכט. עפּים ווי אין מיטען לעבען אָבגעהאַקט געוואָרען.

און וואָס אַמאָל ווערט עס שטילער און טונקלער; אָט דאַכט זיך וועט אַ לויה פון זעהר אַ גרויסען רב דורך דעם מאַרק דורכגעהן...

אין מיטען מאַרק ביי'ן ברונעם שטעהען נאָך אַ קופּקעלע יונגע בעלי־בתים, בהייל בחורים. און חאַפּען דעם לעצטען טרונק פאַר'ן תענית; די עלטערע בעלי־בתים וואַרפען, נעמענדיג די שעפּערס צו צו די ליפּען, אַ בליק, דערווייל אין הימעל אַריין, צי האָט אַ שטערן זיך נישט חלילה, פּלוצים, שוין בעוויזען.

און פון דער צווייטער זייט געסיל, דאָרט פון אונטער דעם ראַט־הויז, פון דעם וועג, וואָס פיהרט צום בית־עולם, קומט צולויפען אַ חברה קונדסים; זיי האַלטען בערעלעך אין די הענד און שיסען אײנער דעם צווייטען. פאָראויס לויפט אַ קונדאַס — מיט אַ אָבגעריסענער קלאַפּע פון אויבערמאַנטעל, ער קומט אָן פאַר די בית־המדרש טרעפּליך, און ווינקט מיט פרייד צו די יודען, וואָס שטעהען דאָרט, זוייזענדיג מיט דער האַנד אויף די אָנגעפילטע קעשענעס: פולע קעשענים, אוי אַ לעבען!

עפּים אַ נידריג יודיל, מיט זעהר אַ ברייטער באָרד, וואָס זעהט אויס ווי צו־געקלעפּט צו זיין ווייס געזיכט, כדי די דאַרע, בלייכע, באַקען צו פערשטעלען,

שטעהט אויף די טרעפּליך און בעטראַכט טרויעריג דעם קונדס, און עס דאַכט זיך אוים, אַז פֿון זײַנע טרוקענע ווי׳ען הערט זיך אַ ברום: אַ שוואַרץ וואָהלטאָג איז אויף איהם!

און שטיל ווערט אויך אין שוהל־געסיל, די זון איז שוין לאַנג אַרונטער אונטער דעם ראַט־הויז, אויף דעם וועג וואָס פֿיהרט צום בית־עולם צו. יודען האָבען זיך אַלע פֿערזאַמעלט אין דער שוהל, אין דעם בית־המדרש. צייטענווייז בעווייזט זיך אַ יודענע וואָכענדיג געקליידעט האַלט אַ גראָב ספר אונטער׳ן אָרעם, און אַ ליכטיל אין דער האַנד, און נעהמט דעם קאָפּ אַראָבגעבויגען. די נידריגע הייזליך אין געסיל, אַזוי ווי זיי וואָלטען מורא האָבען אַליין, אָהן יודען, אָהן תורה אין גלות צו שטעהן — קאָרטשען זיך עפּיס אײַן, און עס דוכט זיך, זיי האָבען זיך צום רבי׳נס נידריג הייזיל צוגעבויגען: אַ עצה זיך צו האַלטען, וואָס צו טהון אין אַזאַ שלעכטע צייט?!

פֿון דעם רבי׳נס פֿענסטער שיינט עפּיס אַ שוואַרץ טרויעריגקייט אַרוים, און עס פֿינקעלט אַ קליין ליכטיל אין דער פֿינסטערניש; עס דאַכט זיך אַז אינווייניג מוז ליגען אַ מת אויף ד׳ר׳ערד, צוגעדעקט מיט אַ שוואַרץ ליילעך, און אַ גראָשענדיג ליכטיל צו קאָפּענס, און דער רבי פֿערלאָזט זיין מת; ער איז אָנגעטהון אין אַ אַלט צוריסען שטריימיל, אין אַ אַלטער צוריסענער קאַפּאָטע. מיט אַ בעטריבט פּנים, אַראָבגעבויגענדיג דעם קאָפּ צו ד׳ר׳ערד, נעהמט ער אַליין אין זאָקען אויף די שפּיציגע שטיינער, און ער לאָזט זיך אין בית־המדרש אַריבער. אפשר וועט ער דאָרט ביי דער עדה יודען קענען אַ טרייסט געפֿינען.

אין דעם געסיל געהט זיך מאַטשעק פֿון דער כּאַשע אַהיים. די קיה מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ לאָזען זיך פֿויר אוים. און ער מיט זיין בעהעלפֿער דעם הונד פֿון הינטען, שפּיעלט זיך אויף זיין פֿייפֿיל ווי נעכטען, ווי אייערנעכטען...

ביי נאַכט.

נאַכט. שטיל איז אין דער שוהל־גאַס. די לאָדענס זענען פֿערמאַכט, די טהויערען פֿערשלאָסען. די לבנה איינע אַליין, בלאָנזשעט ארום אויבען אין דער הויך אויפֿ׳ן הימעל, איבער אונזערע קעפּ, און זי קוקט אַראָב אין שוהלגעסיל און זי שווייגט. הינטען ערגיץ וואו, פֿון אַ שפּאַלט פֿון אַ לאָדען, לאָזט זיך הערען אַ וויינענדיגער נגון, וואָס גיסט זיך שטיל אַריין אין געסיל, עפּיס ווי פֿאַר זיך, גלאַט אַזוי — אַ נגון אָהן אַ פּרעטענזיע אָהן אַ שום זאַך, — און ער שוועבט דורך די גאַס, שווימט אַוועק, און ער ווערט פֿערטינקט ווייט — ערגיץ אין געסיל, דאָרט, נאָך דעם ראַטה־הויז, אויף דעם וועג, וואָס פֿיהרט צום בית עולם. פֿון אַ שפּאַלט פֿון דעם רבי׳נס לאָדען שיינט נאָך אַרוים דאָס שטילע יאָהרצייט־ליכט. פֿאַר אַ הייליגע נשמה׳ס וועגען, און אינווייניג ביי׳ם רבי׳ן שווייגט מען. די לבנה וואַרפֿט אַ קאַלטען שטראַהל און בעשיינט קאַלט די גרויסע שויבען פֿון בית המדרש; אינווייניג איז פֿינסטער. און עס רודערט זיך עפּיס אין דער שטיל. אויף די טרעפּליך פֿון בית המדרש, ליגען עפּיס, מענשען, צו מתים, די קעפּ פֿ ע ר נ ו ר ע ט, די הענד פֿער־לענט איינע אויף די אַנדערע, זיי ליגען שטיל, די לבנה, שווימט פֿאַרביי, וואַרפֿט

אַ קאַלטען שטראַהל אויף די ליגענדע. די שוהל איז פֿערמאַכט, מיט דער שווערער טיהר פֿערהאַקט, אַזוי ווי מען וואָלט אינווייניג עפּיס וואָס אַריינגעכאַפּט און מען לאָזט נישט אַרויס... נאָר פֿון אַ קליין פֿענסטעריל ערגיץ אין אַ ווינקעלע ביי דער טהיר דאָרט וואו די חברה תהלים איז, שטראַהלט אַ רוים אַ שוואַך ליכטיגקייט, דער שיין שפּיגעלט זיך אָב קאַלט, ווי פֿערטרונקען אין דער פֿינסטערניש אויף דעם געמויערטען קלאָץ, וואָס שטעהט פֿאַר דער שוהל, אונטערשפּאַרענדיג דעם גאַניק פֿון דער ווייבערשוהל. אינווייניג, אין דער חברה תהלים זיצט עפּיס אַ מענש אויף דער ערד און ביי דער שיין פֿון אַ קליין ליכטיל קוקט ער אין אַ אָפֿען ספר אַריין, און ער שווייגט...

ביי דער רביצין אין עס־צימער, האָבען זיך די „כּלי־קודש" ווייבער פֿערזאַמעלט, טונקעל איז אין די שטוב, בעלעבט פֿון שאָטען; און אויף דער ערד, אויסגעבעט מיט קישענס, זיצען אַרום די ווייבער, האַלטענדיג אין די אָרעמס די שלאָפֿענדיגע קינדער, און האָרכען זיך איין צו דער כשר׳ער, פֿרומער, רביצינס קול, וואָס זיצט אין מיטען דעם קרענציל. אויף אַ שטיהל איז אויסגעשפּרייט דער „צאינה וראינה" בעלויכטען פֿון דעם פֿערוויכערטען קיך־לעמפּיל, און די רביצי׳ן מיט אַ וויינענדיגער, הייזעריגער שטימע דערצעהלט די מעשה פֿון חנה׳ן מיט איהרע זיבען זיהן.

אין בית־דין־שטוב ביים רב, איז די אייגענע האַלבע פֿינסטערקייט; אויף דעם טיש ברענט זיך אַ יאָהר־צייט ליכט, אַריינגעשטעקט אין אַ שעפֿעל מיט זאַמד, און פֿון דעם ליכט טריפֿט דער חלב אין זאַמד אַריין. אויף דער ערד, אין אַ ווינקעל בעהאַלטען דאָס געזיכט צווישען צוויי פֿאָלצעס וואָס זענען אָנגעשטעלט מיט ספֿרים זיצט דער רב. טהייל מאָל בלאָזט אַ ווינטיל, עמיצער שפּאַצירט דורך די שטוב דורך, ווי אַ שווערער שאָטען, און דער רב בעהאַלט דאָס פּנים צווישען די פֿאָלצעס ספרים, און ער שווייגט..

אין גאַס הערשט אַלץ די פֿריהערדיגע שטילקייט, די לבנה בלאָנזשעט אַרום אין הימעל און קוקט מיט קאַלטע אויגען אויף דעם פֿינסטערען געסיל. אַלץ איז ווי עפּיס פֿערטרונקען אין זיך אַליין, צי זענען שוין דען אַראָבגעפֿאַלען גאָט׳ס צוויי גרויסע טרעהרען און האָבען אַלץ, אַלץ פֿערטרונקען?... און עס דוכט זיך אוים, אַז אויפֿ׳ן וועג צום בית עלמין צושפּאַנט ירמיהו הנביא איינער אַליין, ער געהט צו די אָבות, ער געהט זיי וועקען פֿון די קברים, און באַלד וועט זיך אָנהייבען דאָ אין געסיל דער גרויסער וכּוח...

אַ בית המדרש׳ל.

דאָס שטאָרטיל האָט זיך זיין „עיר המקלט׳ל” דאָס בית המדרש׳ל. אין מיטען דאָס שטעהט עס, פיער שוואַרצע, פיער פערפוילטע, ביז צו די ערד איינגעזונקענע וואַנד; דאָס אַלטע שינדעל־דאַכיל פערפוילט פון רעגען —, עס גלאַנצט שוין מעך אַראָב פון דער הייך. און אויף די צוויי שפּינ־בעוועבטע פענסטערלעך ווייזען זיך נאָך די אָבגעריבע:ע מגן־דוד׳לעך אַרויס.

די טרעפּלעך אַיינגעזונקען, די טהירען שוואַרץ, גלעצענדיג פון די קוש פון פרומע ווייבער וואָס לייגען די ליפּען צו דורך־געהענדיג, און פון נישט פרומע וואָס לאָזען זיך בעניגען מיט אַ בלויסען האַנד אָנריהרונג.

קיינער ווייסט נישט ווער עס האָט דאָס בית־המדרש׳ל אויף געשטעלט, די אַלטע בעלי בתים ווען זיי זענען נאָך קינדער געווען געדענקען דאָס בית־המדרש׳ל ווי עס איז זיך אַזוי שוין געשטאַנען ווי איצטער: דענסטמאָל אין שמחת תורה ווען זיי האָבען מיט די פענער אויף זיינע פענסטער געטאַנצט.

און דאָס בית המדרש׳ל קעהר זיך כלל ישראל אָן, יעדער יוד האָט דעראינען אַ חלק, יעדער זיידע האָט אַ ציגעל אין איהם איינגעמאָרט, אַ בעהעלטעניש פאַר די שפּעטעריגע דורות... און פאַר נאַכט ווען עס ווערט טונקעל צינדט דער שמש די זעקס ליכטלעך פאַר׳ן עמוד אָן, אין דער הויסען איז קאַלט, אין דער שטוב זיטצען ווייב און קינדער און הונגערען, אין בית המדרש׳ל בעהאַלטען זיך די בעלי בתים, יעדער זיטץ זיך אויף זיין אָרט. ח׳לעבען עס פערגעסט זיך דאָך אין בית המדרש׳ל פון דעם הונגער...

אַ הויז איז דאָס בית המדרש פאַר אַלע יודישע קינדערלעך, אַ נאַכט לאָגער— פאַר אַלע וואָס האָבען נישט וואו אין קאָפּ אַ נידער צו לעגען; אַ דאַך פאַר אַלע אַנ־היימידיגע, עס מאַכט דאָך נישט קיין אונטערשיד יאָ אַ היגער נישט קיין היגער... וואָס איז דער חלוק? היינט נאַכטיגען קינדער פון אַ פרעמדען בית־המדרש ביי איהר, מאָרגען וועט פאַר דעם יענעם בית המדרש, אונטער איהר דעכיל איהר׳ס אַ קינד אַרונטער נעהען, ווען עס וועט זיך פערבלאָנדזשטען ווייט...

אָפען איז דאָס בית המדרש פאַר אַלע, ווער עס וויל קומט אַריין.

עס דערשרעקט נישט מיט זיין רייכקייט, און הערליכקייט, זיינע אָרימע שוואַרצע פיער וואַנד זענען דיר זעהר היימיש, זיין שוואָרצער פערוויכטער באַלקען זעהט דיר אויס ווי דער באַלקען פון דיין מאַמעס שטיבעל, דאָרט וואו דו ביסט געבוירען געוואָרען. די ווינקעלעך מיט שפּינוועבס; די פענסטער פערשטויבט, ביי דער מזרח וואַנד שטעהט אַ אָרון קודש אַ אַלט׳ס, מיט אַלטע צוויי לייבען; איבער דעם אָרון — אַ פרוכת׳ל אַנ׳אויסגעריבענס, מיט אַ אָבגעריסען שֶׁעֶחְיןָ מגן־דוד׳ל. ביי׳ם אָרון שטעהט אַ הויכער עמוד מיט אַ אַלטע פערפּעצטע מנורה, אויף דעם אַלטען עמוד איז מיט קרייט אָנגעשריבען די קראַנקע פון דער שטאָדט. און פון די אָרימיגע פאָלצעס מיט די ספרים געהט אַ שטויב אַרויס און לעגט זיך אין דער לופט פון דעם בית המדרש׳ל...

און אַז דער בעל הבית קומט אין בית המדרש׳ל אַריין פערגעסט ער אָן דעם הינגער וואָס ער האָט אין דער היים איבער געלאָזט, זיינע „צרות” די ביטערע, די וואָכענדיגע פרנסה...

און יאָהרען לאַנג און טעג לאַנג שטעהט דאָס בית המדרש׳ל און לעבט זיך מיט אין דער שטיל מיט איהר עדה יודען. אַ חדר יונגעל אַנטלויפט פון חדר קומט ער אין בית המדרש אַריין בעהאַלט זיך אונטער איהר קאַסטען „שמות” אַ טאַטע לויפט אוועק פון דעם הונגעריגען ווייב, פון די הונגעריגע קינדער, בעהאַלט ער זיך אין בית המדרש׳ל. עס דאַכט זיך איהם זיינע שוואַרצע וואָנד טרייסטען איהם: נישט קשה, דיין טאַטע האָט אויך אַמאָל אַזוי געטהון... ווען וויל דער שטאָדט׳ס גנב, וואָס סטראַשעט אַ גאַנץ יאָהר דעם רב אַז ער וועט צום גלח געהען שמאַדען זיך, בעהאַלט זיך אויך אַמאָל, אין אַ שלעכטע צייט, אין בית המדרש׳ל... און דאָס בית המדרש נעמט אַלע שען צו, נישט קשה, אויך איהרם אַ קינד... און עס לעבט זיך ווייטער מיט זיין עדה. שטאַרבט דאָס דור קומט אויף אַ נייער דור און עס לעבט זיך ווייטער דאָס אַלטע בית המדרש׳ל מיט דעם נייען דור. און אַזוי ווייטער, און ווייטער... עס דאַכט זיך, אַז אַ אַלטע באָבע איז דאָס בית המדרש׳ל פון אַ סך אייניקלעך, מיט אַ ברייטע שערץ וואָס בעהאַלט אַלע איהרע אייניקלעך אונטער איהר שערץ אַרונטער.

אין עפּעס אַ אייגענשאַפט האָט דאָס בית המדרש׳ל, קויט קומט מען אין זיינע טהירען אַריין פערגעסט זיך באַלד אין דעם הונגער וואָס מען האָט אין דער היים איבערגעלאָזט, אַלץ פערגעסט זיך דאָרט...

אין יאָהרען לאַנג, און טעג לאַנג שטעהט זיך דאָס בית המדרש׳ל, און אַ דור נאָך אַ דור קומט אַריין, בעהאַלט זיך אין איהם, און געהט זיך אַוועק... יעדעס דור לאָזט אַ צייכען פון זיינע צרות, אין איהם איבער אַ יד פערזעצט, די מנורה פערקלאַפּט... יעדעס דור פערצייילט פאַר איהם זיינע ליידען, גיסט אויס זיינע טרעהרען אונטער זיין פרוכת, און דאָס בית־המדרש׳ל, אַזוי ווי אַ ערבאַרימדיגע מאַמע שטעהט אוןווישט אָב די טרעהרען פון די קינדער׳ס געזיכטער.

— ווײנט נישט — אייערע עלטערן האָט זיך אויך אַמאָל אַזוינס געטראָפען.

עס דאַכט זיך אַז די טרעהרען פון יעדען דור זענען מיט זיינע ציגעל גע־וואָרען צוזאַמען געקנעטען, דורך דעם שטעהט עס דאָך אַזוי לאַנג...

טהיילטאָל, דאַכט זיך, דאָס בית המדרש'ל שטעהענדיג אַזוי צווישען די קליינע, אָרימע, איינגעפאַלענע הייזלעך, אין דער קליינער שטאָדט, איז עפּעס ווי אַ „מאור הגולה" אַ ליכט אין גלות — אַ יוד, מיט אַ לאַנגע ווייסע באָרד, און אַ לולקע אין מויל... אַלע הייזלעך פערלאָזען זיך אויף איהם... און ביי נאַכט, שטיל איז אַרום, די לבנה אין דער הייך באָרט זיך צווישען די וואָלקען, און קוקט זיך אין געסעל אַראָב. און דאָס בית המדרש'ל, ווי אַ נ'אַלטער העלד, שטעהט און פערצעהלט, פאַר די אָרימע הייזער, מעשות פון לאַנג...

אין אַ ווינקעלע, אין בית המדרש ברעהנט זיך אַ לעמפּעלע, אַ נר תמיד'ל. שטענדיג ברענט עס זיך דאָס לעמפּעלע, ביי טאָג און ביי נאַכט, סיי זומער סיי ווינטער. ווער ווייסט ווי עס זענען איצט די הענד וואָס האָבען עס אָנגעצינדען?.. און ווער ווייסט וועלכע הענד וועלען עס אויסלעשען.

ביי נאַכט טויט שטיל איז אַרום, אין דער פינסטערער נאַכט, און דער שטראַהל וואָס דרינגט פון אַ שייבעל פון דעם בית המדרש'ל זעהט אויס ווי אַ פינקעלדיג אויג וואָלט אין אַ שוואַרצען שטערען געווען איינגעזעצט — און דאָס אויג פערצעהלט מעשות פון לאַנג... פון גאָר לאַנג...

יעדען אין דער פריה, יעדען פאַר נאַכט, ווען די קינדער געהען אין חדר אַריין, און געהען פון דעם חדר אַהיים, שטעלען זיי זיך אַ מינוט פאַר דעם בית המדרש'ל אָב.

— העכער געוואַקסען מיט אַ אַרבעם — זאָגט איין יונגעל צום צווייטען.

— יאָ, העכער געוואַקסען מיט אַ אַרבעם ענטפערט איין יונגעל דאָס צווייטע.

די קינדער זענען אַלטע יודען געוואָרען, די אַלטע יודען זענען געשטאָרבען, און אַ אַנדער דור איז אויף געשטאַנען, און ביי יעדען דור, אין יעדען פריה־מאָרגען, יעדען פאַר נאַכט, ווען די חדר קינדער געהען אין חדר, און געהען פון דעם חדר, שטעלען זיי זיך פאַר דעם בית המדרש'ל אָב, און איינ'ם זאָגט צום צווייטען:

— העכער געוואַקסען מיט אַ אַרבעם.

— יאָ, העכער געוואַקסען מיט אַ אַרבעם, ענטפערט איהם זיין חבר אָב.

און דאָס בית המדרש'ל שטעהט איינגעזונקען ביז צו די פענסטער אין די ערד, און הערט זיך אויס יעדען פריה־מאָרגען און יעדען פאַר נאַכט וואָס די חדר־יונגעלעך רעדען איינס צום צווייטען, און עס דאַכט זיך, אַז דאָס אַלטע בית המדרש'ל שאָקעלט צו מיט זיין אַלטען, שוואַרצען איינגעפאַלענעם דאַך: יאָ, העכער געוואַקסען מיט אַ אַרבעם.

אַ נאַכט פריהער האָט נאָך דאָס בית המדרש'ל אויס געהאָרכט וואָס די חדר־יונגעלעך האָבען גערעדט איינס צום צווייטען, און נאָך זיי מיט זיין אַלטען דאַך אָב געשאָקעלט.

אַ ווינט האָט ביי נאַכט געבלאָזען.

פאַר טאָג — ווען דער שמש איז צו חצות געגאַנגען דעם עולם וועקען, האָט

ער בעמערקט אַז דער שטראַהל וואָס דרינגט תמיד פון דעם בית המדרש'ס פענסטעריל אַרוים — איז אויס גלאָשען, און געדאַכט האָט זיך איהם, אַז דאָס אויג אין דעם שוואַרצען שטערען פון שטעדטעל איז אויסגעשטאָכען געוואָרען...

— יודען צו חצות! — האָט דער שמש גערופען.

דער עולם איז זיך צו זאַמען געקומען — און האָבען אָנגעהויבען צו טאַפּען מיט די הענד דאָס טהירעל פון בית המדרש'ל...

ביי די ערשטע שטראַהלען פון דער זונן האָבען זיי דערזעהען, דאָס אַלטע פערפוילטע דעכעל ליגט אויף די פיער שוואַרצע איינגעפאַלענע ווענד — אַ האַלב ספר תורה'לע מיט אַ עץ חיים'ל וואַלגערט זיך אויף אַ פערפוילט ברעט.

דאָס לעמפּעל, דאָס אויג אין שטערען איז אויסגעלאָשען.

דאָס „עיר מקלט" צו פיהרט...

ביי א פרעמדען טייך.

שבת נאכ'ן עסען. אין שטעדטיל איז שטיל ווי איינגעוויגט צום שלאף; אויף די בענק פאר די טהירען זיצען שניידער געזעלען אין שבת'דיגע ווייסע קראגענלעך און ווינקען מיט די אויגען צו די דינסט־מיידליך. וואס שפאצירען אנגעטהון אין די שבת'דיגע קליידלעך, מיט דרך־ארץ, איבער דער גאס.

ר' אנשיל וויינבוים, דער חשוב פון שטעדטיל, שפאצירט זיך מיט זיין אייניקעל יודעלע איבער דער גאס, ארויס צום וואסער. די ווייסע האר ציטערן אויף דעם רויטען שנופ־טיכעל, וואס ר' אנשיל טראגט אויף זיין שבת'דיגע קאפאטע, און די ווייסע שיטערע, לאנגע בארד, וואס בעוועגט זיך אויף זיין ברוסט, דאכט זיך, ווי זי וואלט רחמים בעטען, אז מען זאל איהר מיט א דויך נישט אוועק בלאזען.

ר' אנשיל איז געגאנגען פאמעליך, נישט אזוי איבער די עלטער ווי איבער די שבת'דיגע מנוחה, און ער האט זיין אלטען קאפ איינגעבויגען, אויסהארכענדיג וואס דאס אייניקעל פערציילט.

דאס אייניקעל יודעלע, א הויכער יונגער מאן, אנגעטהון אין א שבת'דיגען שניט־ראק, אבגעוואקסטע שטיוועל אין א בעל הבתיש געפרעסט קראגענדיל. און דער יונגער מענש האט זיך געפלייסט צו צופאסען זיינע איילענדיגע טריט צו דעם זיידענס מנוחה'דיגען גאנג. זיין שטילער טאן און זיינע שטילע פאמעליכ'דיגע בעוועגונגען מיט די הענד האבען זעהר ערענסט זיין שמועס געמאכט.

טהיילמאל האט א דורך געהער א שאקעל מיט'ן קאפ געגעבען — און דער „גוט שבת" האט דעם שמועס איבער געהאקט.

זיי זענען דורך געגאנגען דאס געסיל, באלד אנגעקומען צו דעם וואסער, וואס פליסט אונטער דעם שטעדטיל.

א ברייט אויסגעטרעטען פעלד לאזט זיך צו א וואסער אראב, דער ברעג איז מיט בעלקען, מיט זעקליך מעל, מיט טינטלעך נאפט בעלעגט. א וואגען אהן א פערד שטעהט, הארט ביי'ם וואסער, אונטען אין וואסער, א הויכע בערלינקע און פון דער בערלינקע ציהט זיך א לאנגע שטעגעל ביז צום וואגען ארויף, דאס ווייזט אז נעכטען איז לכבוד שבת די ארבעט אבגעהאקט געווארען.

יודען שפאצירען זיך מנוחה'דיג נאכ'ן עסען ביי'ם ברעג און קוקען אין וואסער

אריין, מיט א מינע פון רוהיגע בעלי בתים. דארט אויף א לאדקע שטעהען פויערן און ציהען זאמד פון וואסער, באלד עס געהען ווייבער שבת'דיג געקליידעט, אין גאלדענע אויערינגליך, איינע פערציילט עפעס, און איהר וויינענדיג קול שלאגט אב פון דערווייטען, ווי א חתונה געוויין, הינטען הארט ביי'ם וואסער וואויוען חדר יונגליך ארום — און ווארפען איינס דאס צווייטע די הוט אין וואסער.

ר' אנשיל אין זיין אייניקעל האבען זיך ביידע אויף א בעלקע ביים ברעג געזעצט.

ארום און ארום האט גערוהט די מנוחה פון שבת, דאס וואסער זיכערדיג זיין אין זיין ברייטען ראס, איינגעזאסט אין ביידע זייטען ברעג, האט זיך מנוחה'דיג געוויגט און געקיצעלט דעם בעגראזטען ברעג, זיין שכן. שטיל איז געווען אויפ'ן וואסער, די בערלינקעס און די לאדקעס האבען זיך פון די ברעגען נישט גערירט, און דאס וואסער האט זיך געוויגט במנוחה'דיג. איין וואל האט זיך לייכט אין די צווייטע אריין געוואשען, אזוי ווי זיי וואלטען וויסען, אז מען טאר אין שבת קיין פסיעה גסה נישט מאכען, און דאס וואסער האט אויסגעזעהען ווי א יודישער וואסערדיגער בעל בית, פערהארעוועט א גאנצע וואך, שבת נאכ'ן עסען, מאכט ער זיך א געלעגטעריל, קיצעלט דעם ברעג, לכבוד שבת, במנוחה'דיג איינצושלאפען...

און דער יונגער מאן האט ווייטער פערציילט:

„... — פאר אכטציהן יאהר צוריק, זיידע, איז דאס געווען, יודען פון פערשידענע פארטייען, דאקטורים, אדוואקאטען זענען קיין ארץ־ישראל אראבגעפאהרען, אונטער זיי איז אויך געווען ר' שמואל מוהליבער, און אזוי ווי זיי זענען הינטען אראב געקומען, האבען זיי אויף די ערד געקניעט, איינגעגראבען אין איהר דאס געזיכט, איהר שטויב געקושט. און האבען אנגעהויבען צו וויינען. אויפ'ן פעלד, און דערנאך האבען זיי אויפ'ן פעלד מנחה געדאווענט, די ערשטע אייל ערד נעקויפט, און די ערשטע קאלאניע געגרינדעט".

— א וואַ — וואונדערט זיך דער אלטער און שאקעלט מיט'ן קאפ און קוקט אין וואסער אריין;

„ציון", אונזער ציון, „ציון" וואס שטעהט אין חומש, דארט גאנץ ווייט איז עס, א לאנד, דארט האבען יודען געוואהנט, די בני ישראל, וואס שטעהט אין חומש, אט געהט זיך א וועג אוועק, מיט שטיינערלעך בעשאטען, מיט טענענביימער בעזעצט, דאס איז דער וועג קיין „בית לחם" אט שטעהט א קבר, די מאמע רחל'ס קבר, „קבר רחל", וואס שטעהט אין חומש, יעקב אבינו האט עס געמאכט, זיינע הענד האבען דעם שטיין געלעגט, יעקב אבינו'ס הענד... און אט איז די „מערת המכפלה" א הייל אויף א הייל וואס אברהם האט פון די בני חת אבגעקויפט, אזוי ווי עס שטעהט אין חומש, פאר פיער הונדערט טאלער, דארט ליגט אברהם, יצחק יעקב אונזערע אבות בעגראבען, מיט די אמהות, די הייליגע, „אוי אוי, ווי טראגט מען זיך די אלטע ביינער אהין...

— ציון. אונזער ציון, וואס שטעהט אין חומש קרעכצט דער אלטער — און קוקט אין וואסער אריין.

אָט גיסט זיך דאָס וואַסער אַזוי ווייט אויס, אונזער וואַסער.

... יונגעל ווייס, זמער לעב ... דער רבי לאָזט פריהער פון חדר אַהיים ... פאַר נאַכט מען לאָזט זיך צום וואַסער אַראָב, אָט שטעהט אַ לודקע, ער חאַפּט זיך אַרויף, מען שטופּט זי אָב ... דערנאָך אַ יונגער מאַן איז ער, ער עסט קעסט — אָט געהט ער ביים ברעג שפּאַצירען, יעשען צייט, אַלץ איז אַזוי טרויעריג, די בלעטער פאַלען פון די ביימער אַראָב. דער ברעג איז נאַס ... דאַס וואַסער לויפט מיט אַ געבייזער; ברוהמט אונטער שרעקליך, ער געהט ביים ברעג —, ער קלעהרט וועגען אַ תכלית, אויף פרנסה ... דאָס וואַסער קלאַפּט צו אויפ׳ן ברעג ... אונ דאָרט ווייט לויפט אַ וואַל, שווימט ווייט אַוועק ...

— „האַרט איז געווען די ערד, פערציילט ווייטער דאָס אייניקעל, אַכטצעהן הונדערט יאָהר האָט מען זי נישט בעאַרבעט, אַכטצעהן הונדערט יאָהר האָט אונזער מוטער אויף איהרע קינדערליך געוואַרט, אויף איהרע קינדער אין גלות ... אַנדערע פעלקער האָבען זי געוואָלט צו נעמען, בעאַרבעטען איהר ערד, זי האָט איהרע פּרוכטען, איהר בלוט פאַר פּרעמדע נישט געוואָלט געבען ... וויסט האָט זי געוואָלט זיין ביז איהרע קינדער וועלען צו איהר צוריק קומען ... אונ עס זענען צו איהר איהרע קינדער צוריק געקומען; אונ מיט דעם שוויים פון זייערע געזיכטער, אונ מיט דעם בלוט פון זייערע הערצער האָבען זיי די ערד נאַס געמאַכט, אונ היינט איין אונ צוואַנציג דערפער האָבען מיר שוין אין ציון, אונזערע ברידער בעאַרבעטען שוין די ערד דאָרט ..."

אונ דער אַלטער זיטצט אונ האָרכט.

... ציון וואָס שטעהט אין חומש, אָט שטעהט דאָרט אַ יוד מיט אַ אַקעראייזען אונ בעאַרבעט איהר ערד — אונ דאָרט אין ירושלים שטעהט דאָס בית המקדש, אונזער בית המקדש שטעהט נאָך, איין וואַנד איבער געבליבען, די כותל מערבי ... מיט ביימער ... אָט דאָ איז דער הר הבית, דאָס אָרט וואָס אויף איהם האָט יעקב אבינו גענעכטיגט. אַזוי ווי עס שטעהט אין חומש, אונ גאָט האָט זיך צו איהם בעוויזען ... דאָ זענען יודען געשטאַנען אונ האָבען קרבנות מקריב געווען ... עולה רגל געווען ... אַזוי פיעל יודען פון גאַנץ ווייט קומען מיט פערשידענע זאַכען, אַזאַ שטויב ווערט אין די גאַסען פון ירושלים ... אונ אָט שטעהט אַ וואַנד, נאָך איין וואַנד. אָט זעה איךזי מיט די אויגען, אָט שטעהען יודען אונ וויינען אונ בעטען דאָרט צו הקדוש ברוך הוא ...

אוי, אוי ... חאָטש ארץ ישראל ערד אין קבר מיט צו נעמען ...

אונ דער אַלטער זיטצט אויף דעם קלאָטץ אונ קוקט אין וואַסער אריין, דאָ גיסט עס זיך, דאָרט זעהט זיך די האָלצערנע בריק וואָס ליגט איבער׳ן וואַסער ... אונ דאָרט לאָזט זיך ווייט אַוועק דער וועג וואָס פיהרט אין דעם דאָרף לאַנקעשיהן, צו דעם אַלטען פּריץ — דאָרט ווי ער קויפט יעדעס יאָהר די שעפּסען וואָהל — דאָרט, אַז מען פאָהרט אויפ׳ן וועג זעהט מען דאָס גאַנצע שטעדטיל אַרויס, עס שטעהט אויפ׳ן באַרג אונ קוקט אַריבער איבערן וואַסער...

אונ ער הערט ווי דאָס אייניקעל פערציילט ווייטער מיט אַ שטילען טאָן.

— אונזער הייליגע ערד, זעהסט זיידע, אויפבליהען וועט זי ווייטער, אונזערע ברודער בעאַרבעטען זי מיט זייער שוויים אונ בלוט.

אונ דער אַלטער קוקט אויפ׳ן ברעג — אַ וואַל קלאַפּט אויף די שטיינער.

דעם שטעדטיל׳ס וואַסער ... פון שטענדיג אָן גיסט עס זיך אַזוי ... האָרט ביים ראָב איז זיין לייבישעל דענסמאָל פערטרונקען געוואָרען, לייבישעלס גוף איז מיט דעם וואַסער געוואָרען אויסגעמישט, זיין קבר איז דאָ, אַ שטיק וואַסער איז לייבישעל געוואָרען, אַ חוואַליע ... אונ עס דאַכט זיך אַז יעדע חוואַליע וואָס קלאַפּט אויפ׳ן ברעג איז לייבישעל ... לייבישעל מיט זיינע חברים שווימען דאָרט ווייט ... ווייט .. טהיילמאָל ברימט עס אַזוי, עס דאַכט זיך אַז לייבישעל׳ס וויינענדיגע קול .. אָט קלאַפּט אַ וואַל זי פאַלט אויפ׳ן ברעג, לייבישעל גרוסט אונ ער שווימט שוין אַוועק .. ווייט ... דאָרט רייזט עס ...

דער אַלטער וואַרפט אַ בליק אויף דעם אייניקעל — עס ברענט אַ פלעמעל אין זיינע אויגען — דאָס האַרץ קלאַפּט אין איהם, זיין קול ציטערט ... אונ ער פערציילט שטיל ווי אַ יונגער העלד וואָס וואָלט ערשט פון די מלחמה צוריק געקומען.

אויף די פעלדער דאָרט אין ציון שטעהען אונזערע ברידער — עס הערען זיך שוין אונזערע געזאַנגען.

— אונ ווי זעהען אויס דאָרט די פעלדער אַזאלכע ווי דאָ אַרום? פרעגט דער אַלטער, די אייגענע תבואות? ...

— ווי אָט דאָ אַרום, חזר׳ט איבער דאָס אייניקעל, אונזערע פעלדער, רעדט ער מיט היטץ, דאָרט בעאַרבעטען אונזערע ברידער די פעלדער, די זאַנגען וואָס וואַקסען — די גרעזער, די געוואוקסען האָבען יודען בעאַרבעט — זייער ארבעט זייערע תבואות ...

— אונ אַ טייך דאַכט זיך איז אויך הינטען דאָ, וואָס פליסט אין לאַנד, ווי הייסט ער?

— אַ טייך, הינטען האָבען מיר אונזערן ירדן, אונזערן ליעבען ירדן וואָס פליסט אין מיטען לאַנד, דאָרט ... ביי זיינע ברעגען האָבען יודען די ערד בעאַרבעט אונ געקוקט אין זיין וואַסער, ווי עס פליסט זיך ווייט ...

— ווי עס פליסט זיך ווייט אַזוי ווי אונזער וואַסער דאָ ...

— אונזער וואַסער, רעדט דאָס אייניקעל, פרעמד איז עס, זייער וואַסער, דאָ האָט יודיש בלוט גערינען — הינטען, ווייט אין ארץ ישראל האָבען מיר אונזער אָרט, מיר בענקען דערנאָך.

— ווייט אין ארץ ישראל, בריהמט דער אַלטער אונ שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אונ קוקט ווייט.

דאָרט אַביסעל ווייטער, זאָגט דעם שטעדטיל, ביים ברעג, ווייזט זיך דאָס „בית עלמין" אַרויס, דאָס צוימעל איז אין דער ערד איינגעזינקען. עס ווייזען זיך נאָר אייניגע מצבות מיט אייניגע ביימער וואָס שטעהען אויפ׳ן באַרג, אונ מיטען דער דאַך פון אוהל, דער הייליגער רבי ליגט דאָרט בעגראָבען. אונ אָט נאָכ׳ן אוהל ווייזט זיך אַ שפּיטץ מצבה אַרויס, אונ קוקט זיך שטום צו ווי דאָס וואַסער רינט — דעם פאָטער׳ס מצבה, דאָרט ביי דעם קבר איז אַ שטיקעל אָרט אָנגעצוימט, אַ קבר שוין פאַר זיך, ביים פאָטערס קבר אָנגעגרייט...

דער אַלטער וואַרפט אַ בליק ווייט, דאָס וואַסער הילט אַוועק.

דאָ בײם ברעג װעט ער ליגען, אין די ערד אײנגעגראָבען, שטענדיג... זײן מצבה װעט שטעהן, צו קוקען זיך צום װאַסער, אַ שטימער שכן, אונ דאָס װאַסער װעט װײט, תמיד אַװעק שװימען...

— מײן קינד, זאָגט דער אַלטער דערהײבענדיג זיך פֿון אָרט, דו ביסט יונג, קענסט נאָך אַלץ מיט דײנע אײגענע אױגען זעהען... איך מײן קינד, צו אַלט שױן, עס װינקט דאָס קבר צו מיר... פֿערפֿאַלען, זיך מוזען נור בעניגען לאָזען מיט גלגול מחילות...

— אַלטע, טױטע נשמות, אונ דער מדבר װעט איהר פֿאַלען, גלות קנעכט, דער יונגער דור װעט קײן ארץ ישראל קומען, ברוהמט דער יונגער אונטער פֿאַר זיך.

דער אַלטער האָט מיט'ן קאָפּ צו געשאָקעלט — װי ער װאָלט מסכים געװען: אזױ, מײן קינד אַזױ...

אַ שַׁבָּת אִין אַ שְׁטֶעדְטִיל.

I.

דֶער שַׁבָּת אַרײַנְקוּם.

די זונן האָט זיך שױן געטיקט אין דעם װאַסיר'ל װאָס איז אונטער דעם שטעדטיל. אונ האָט בענגענדיג געקוקט אױפ'ן שטעדטיל — דער שבת קומט אָן, זי געהט אַװעק... יונגען, בעל עגלות האָבען זיך פֿלינקער פֿון װאַסער אהײם געהײלט. די געװעלבער אין מאַרק זענען אַלע שױן פֿערמאַכט, אָבגעװאַשענע יודען מיט שבת'דיגע קאַפּאָטעס לאָזען זיך איבער'ן מאַרק אין דעם שמאָלען שולגעסיל אַרײן. פֿאַר ר' עוזר װײנשענקערס געװעלב שטעהט אַ יוד אַ שנײדער מיט אַ געלע באָרד, האַלט עפּיס אונטער דעם אָרים, אונ ער קלאַפּט אין טהיר אַרײן: — „עפֿענט ר' עוזר". פֿון אינעװײניג הערט זיך אַ קול: — „עס איז שױן שפּעט", די פֿערבײגעהענדיגע יודען שאָקלען מיט'ן קאָפּ אױף דעם געלען שנײדער, טהײל ברומען הײלענדיג זיך: — נישט געקענט פֿריהער קױפֿען! אונ דער שנײדער פֿערשעמט זיך, קלאַפּט שטאַרקער אין טהיר: — נו עפֿענט שױן!

צװישען די פֿערמאַכטע געװעלבער װײזט זיך אַרױס אין עק מאַרק די אָפֿענע אַפּטהײק פֿון דער צװײטע זײט די אָפֿענע שענק, פֿון װאַנען עס הערט זיך אַ האַרמאָניע שפּיעלען, אונ די אָפֿענע געװעלבער װערען עפּיס פֿערשעמט פֿאַר די צוגעמאַכטע יודישע קרעמלעך, העלדען זענען זײ אין זײער דערװאַכענדיג לעבען.

אין מאַרק בלאָזט אַ לײכט װינטעל אונ דערהױבט דעם שטױב. אונ דער לופֿט פֿלוהט דורך אַ גרינער, אױסגעטרעטענער בלאַט פֿון שאַלאַטע אַ שטיקעל בלים פּאַפּיער, פֿון אײן אַײנגעװיקעלט פֿלעשיל װײן: אײניגע ציעגען שטעהן אונ עסען געשמאַק דאָס איבערגעבליבענע גרינס פֿון די „שטעלען". בײ דער ברונען אין מיטען מאַרק שטעהען אַפּאָר גױם אונ גױעס נעמען װאַסער. אונ זײער דערװאַכענדיג אױסזעהען מאַכען זײ נעביך, דעם אײנדרוק פֿון „קנעכט". עפּיס אַזױ װי מען װאָלט פֿלוצים פֿון זײערע געזיכטער די מאַסקעס אַראָבגעריסען: גױם, נישט געשטאַנען אױפ'ן באַרג סיני!...

פֿון די שװאַרצע הילצערנע „כורעים־ביקענדיגע" הײזלעך שײנען אַרױס די

אָנגעצונדענע ליכט און קוקען מיט עפּיס אַ פֿריילכדיגע הייליגקייט אין מאַרק אַריין, די פֿער'חושכ'דיגע הייזלעך מיט די ליכטיגע שבת'דיגע פֿענסטער זעהען אויס ווי אָרעמע מחותנים וואָס קומען אויף אַ חתונה אין צוריסענע בגדים...

אין דער שוהל־גאַס.

פֿין איין זייט שטעהט די הויכע אַריסטאָקראַטישע שוהל, פֿון די ברייטע פֿענסטער פֿינקלען די ברענענדיגע הענגלייכטער אַרויס, דעם חזנ'ס לכה־דודי אונטער־געהאַלטען פֿון זעקס משוררים הילעכט אין געסיל, געגענאיבער דער שוהל שטעהט דאָס בעל־הבתישע בית המדרש, פֿון די פֿערשטויבטע פֿענסטער שיינען זיך די ליכטלעך אַרויס און דעם שוחט'ס „לכה־דודי פֿון בית־המדרש פֿערשעמט זיך פֿאַר'ן חזנ'ס קול. אין טהיר פֿון בית המדרש שטיפען ווייסע חברה'ניקעס אַרום, אורחים שפּאַרען זיך צו דער טהיר, אַז מען זאָל זיי אויף שבת נעמען.

אין דעם צווייטען האַלבען הויז פֿון בית המדרש וואָהנט דער רב. די פֿרומע רבי'צען שטעקט איהר שבתדיג, צנוע'דיג געזיכט אַרויס — אין די ווייסע שבת־דיגע הויב — זאָגט עפּיס די גאַס אָן: גוט שבת.

אין די חסידים־שטיבלעך האָט מען שוין מקבל שבת געווען, נאָר מען וואַרט מיט מעריב ביז עס וועט גוט שפּעט ווערען, דערווייל שפּאַצירט דער יונגער עולם אין די אַטלעסענע קאַפּאָטקעלעך אין די זיידענע גאַרטעלעך אין די גאַס; די דינע פּאות'לעך ציטערען אויף די באַקען, און רוקען זיך אַלץ נעהנטער צו, און רייבען זיך צו דער צווייטער רעדעל „חתן־בחורים" וואָס געהען אונטער זיי שוין פּאַמעליכער, געלאַסענער און קוקען מיט גדלות אויף די „פּריוו־בחורים", און די חתן־בחורים רוקען זיך אַלץ נעהנטער און רייבען זיך, צו צו דער חברה יונגע לייטליך, וואָס געהען נאָך פּאַמעלעכער, נאָך געלאַסענער אונטער זיי, די יונגע־לייטליך טראָגען שוין שטריימלעך און דער־ווייטערן זיך פֿון די „חתן־בחורים" און קוקען עפּיס אויף זיי פֿון דער הויך, מיט רחמנות: נאָך נישט קיין גאַנצע יודען.

אויפ'ן צווייטען זייט געסיל, געהען צוזאַמען עטליכע יונגע מיידלעך מיט רויטע אָבגעוואַשענע פּנימ'ר, שוואַרצע שבת'דיגע צעפּ און ווייסע פֿאַרטוכלעך, זיי געהען געלאַסען לויפֿען און קוקען זיך אַלץ אונטער זיך צו דעם רעדעל „כלה־מיידלעך", וועלכע ווילען זיך אַלס צורייבען צו דעם רעדעל ווייבלעך, וואָס געהען אונטער זיי נאָך פּאַוואָלער, נאָך געלאַסענער. די לעצטע טראָגען טיעפּע שייטלען, מיט נייע שלאָפּראָקען, זיי האַלטען די קעפּ פֿעררייסען אין דער הויך און קוקען מיט גדלות אויף די כלה־מיידלעך וואָס געהען פֿאַראויס פֿאַר זיי און שטעלען זיך אַלע מאָל אָב ווי וואַרטענדיג אויף עפּיס...

און אַ טינקעלער שאָטען הילט שוין דאָס שטעדטיל איין און ער לאָזט זיך אַוועק ווייט, און יודען געהען פֿון שוהל, פֿון בית המדרש אַ היים, נאָך טהייל שלעפּט זיך אַ אורח מיט, און זיי געהען זיך אַהיים, רוהיג, שבת'דיג.

II.

כּרייטיג צו נאַכט.

די נאַכט שוועבט לייכט איבער דעם שטעדטיל, די געוועלבער זענען פֿער־מאַכט, און פֿון די אָפֿענע פֿענסטער גיסט זיך דאָס שבת'דיגע ליכטיגקייט אויף דער גאַס אַרויס. פֿון אויבען, פֿון הימעל פֿינקלען די גוטהערציגע שטערען אַראָב און זעהען אויס ווי ליכט וואָס זענען אויך לכבוד שבת אין הימעל אָנגעצינדען געוואָרען. אַ לייכט ווינטעלע בלאָזט און אַ הענגענדיגע שילד קלאַפּט זיך אָן דער וואַנד. טהיילמאָל פֿער־בלאָנדזעט זיך אין געסיל אַ שטילער זמירות־נגון פֿון אַ בעל־הבית. און פֿון די פֿיער אָפֿענע פֿענסטער, וואָס איז אין מיטען מאַרק, פֿון וואַנען עס גיסט זיך אַ גרויס ליכטיגקייט אַרויס, קנאַקט אַ געוואַלדיגער „מנוחה ושמחה", און קלינגט אָב מיט רעש אין דער גאַס, מען דערקענט באַלד אין זיין עזות'קייט, אַז דער נגון קומט פֿון אַ נגידישען טיש אַראָב.

און שטילער ווערט אין געסיל, די אָנגעצונדענע לעכטליך אין די פֿענסטער פֿערלעשען זיך, טהיילמאָל שפּאַצירט זיך אַ יוד. אין אַ ווייסען שלאָף־ראָק מיט במניחה'דיגע טריט, און ברומט זיך, מחמת פֿערגעניגען אַ שטיל טרויעריג נגונדיל, גאָר נישט, גלאַט אַזוי...

אין דעם קצבישען געסיל זיטצען יודען, האַלב־נאַקעט, פֿאַר דער טהיר און שמועסען צווישען זיך; פֿאַר טהייל הייזער איז פֿאַר דער טהיר אויסגעבעט מיט בעטגעוואַנד און אַ שטעדטישער בעל הבית האָט זיך עולם הזה אין גלות און שלאָפֿט זיך פֿאַר דער טהיר... ערגעץ אונטער אַ לאָדען שטעהט עפּיס איינער שוואַרץ אָנגעטהון, און יעדעס מאָל, ווען עס הערט זיך טריט געהען, פֿליהט דער שוואַרצער שאָטען אין הויז אַריין, און אין דער נאַכט ווייזט זיך אַ ווייס פֿאַרטיכעל... און נאַקעטע הענד האַלטען ביים לאָדען אָן, נאָר נישט, גלאַט דעם לאָדען צוצומאַכען...

אין אַ אונטער־געסיל דרעהען זיך פֿינף יודען אַרויף און אַראָב, געהען איבער דער גאַס און זייערע טריט קלאַפּען אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט, שומרים זענען דאָס, וואָס היטען מען זאָל חלילה דאָס שטעדטיל נישט אונטערצינדען — וואָרום אַ קול איז אַרויסגעגאַנגען: אַז די אָרעמע פֿויערען ווילען דאָס שטעדטיל אונטערצינדען כדי זיי זאָלען אַרבייט האָבען.

באַלד הערט זיך אַ דריי פֿון אַ גרענעצער, אַ רונד בילט, אַ פֿייף פֿון אַ פֿייפֿיל ענטפֿערט דעם גרענעצער, און עס ווערט ווייטער שטיל.

פּלוצים הערט זיך אַ געשריי, דערנאָך אַ געלויף.

יודין דערשרעקען זיך, מען לויפֿט פֿון די הייזלעך אַרויס, האַלב נאַקעטע ווייבער האַלב נאַקעטע קינדער און מען קוקט גלייך אין הימעל אַריין: פֿון וועלכער זייט איז ער רויט.

— פֿאַר וואָס קלינגט מען נישט.

— ווייס איך?

— וואו? מען זעהט דאָך גאָר נישט.

— אַ ודאַי ערגעץ אין אַ דאָרף.

פֿון דערווייטענס הערט זיך א קול.

— מען האָט זיי נעחאַפּט.

אַ יונג קומט אין דער גאַס אָן צו לויפֿען, און שרייט אין דער גאַס:

— געחאַפּט!

און דורך דער גאַס פֿיהרט מען אַ יונגעל מיט אַ־מיידעל דורך, אַלע לויפֿען, יעדער בעל הבית הייבט זיך אויף פֿון דער טהיר און געהט נעהנטער צו און קוקט זיי אין די אויגען אַריין.

— ווער זענען די העלדען?

— דו ווייסט נישט? דעם שוחט'ס טאָכטער מיט'ן טאָמעשאָווער בחור שרייט אַ יונג.

— אַ בייזע נאַכט אויף זייערע קעפּ... טפֿו, דערשראָקען זיך. הערט זיך אַ ווייבערשער קול אין קצבישען געסיל.

III.

דֶער שוּהְל־גַאנְג

פֿאַר טהיר און טהויערן שטעהען נאָך נישט אָבגעוואַשענע יורענעס, נאָך נישט אויפֿגעקעמטע מיידלעך אַיינגעוויקעלט אין פֿאַטשיילעס און ווייסע ספּאָדניצעס, און קוקען.

פֿון דעם שוהל־געסיל לאָזען זיך יודען א היים, טהייל טראָגען פֿערלייגט דעם טלית איבער'ן האַלז, ווי א האַלז־טיכעל; טהייל אונטער די קאַפּאָטעס טהייל טראָגען גאָר פֿריי און פֿראַנק דעם טלית אויף די אַטלעסענע קאַפּאָטע, אַזוי ווי ביי'ם דאַווענען. גוים שטעהען אין גאַס און לאַכען, נו זאָלען זיי לאַכען, ווען אַרט דאָס?

דערנאָך ציהט זיך אַ שורה ווייבער, יעדע געהט אַנדערש אָנגעטהון פֿון דער צווייטע, שטיקלעך אַרבייט פֿון דעם שטעדטישען ווייבער־שניידער, פֿערשיעדענע מינע קאַפּעלאָשען און גלאַט אַזוי בענדלעך און טשיפּקעס. איינע פֿויראוים, רייזעלע די גבת'ע, און אַ שטערען־באַנד מיט פּעריל בעפּיצט אויפֿ'ן קאָפּ. נאָר דער עיקר איז דאָס געהען. פֿויראוים געהט, ווי טראָגענדיג אַ פֿאָהן אַ יונגעלע. ער האַלט אין דער האַנד די מאַמעס סדור מיט נאָך עפּים א ספר'ל אַיינגעוויקעלט אין אַ נאָז־טיכעל, דערנאָך געהט זי אַליין און קוקט אויף די אַנדערע ווייבער, זי דרעהט אוועק דעם

קאָפּ און קוקט פֿאַר זיך, נאָר נישט, עס הייסט גלאַט: איך האָב דיך אין דער ערד...

באַלד ציהט זיך נאָך אַ שורה ווייבער. פֿויראוים לויפֿט אַ מיידעל צי אַ ווייבעל אין אַ ווינטערדיגע נייע רעטאָנדע — אין דער גרויסע היטץ, אויפֿ'ן קאָפּ טראָגט זי אַ דיק שייטעל מיט אַ גרויסען קאַפּעלאָש, וועלכע האַלטען מלחמה מיט די אָבגעשוירענע האָר וואָס ווייזען זיך אויפֿ'ן שטערען, דאָס שייטעל מיט'ן קאַפּעלאָש רוקען זיך איבערן קאָפּ אַראָב ווילען זי מאַכען פֿאַר אַ ווייבעל, די האָר פֿון שייטעל ווייזען זיך צַלץ אַרויס און ווילען זי צוריק פֿאַר אַ מיידעל מאַכען. נאָך איהר לויפֿען נאָך עטליכע ווייבער, טהייל אַלטע קענען נישט נאָכלויפֿען, קריכען זיי פֿון הינטען, און די אָרים־געוויקעלטע מיידלעך פֿאַר דער טהיר ווייזען מיט'ן פֿינגער און שרייען הויך, אַיינגראָמענדיג אייגע דער צווייטע אין אויער אַריין: דאָס איז די כלה! די כלה!

ס

נאָכ'ן עסען.

די הימלען זענען איבער דעם שטעדטיל איבערגעצויגען ווי אַ ווייסער ליילעך, אָהנע זיך צו בעוועגען. עס דאַכט זיך ווי די הימלען דורכרייזענדיג נאַכטען פֿון ווייט, ערגיץ אין דער וועלט אַריין האָבען זיך אָבגעשטעלט, דאָ, אין שטעדטיל שבת צו האַלטען... און די גליהענדע שטראַהלען פֿאַלען אויף דעם לענגליכען געסיל אַראָב, וואָס ציהט זיך ווייט אַ וועק. אויף ערגיץ אַ טרעפּיל פֿון אַ געוועלב ליגט אַ הונד אויסגעצויגען, די אויגען פֿערמאַכט און ער עפֿענט יעדעס מאָל דאָס מויל אויף און האַפּט א פֿליג... פֿאַר די טהוירען זיטצען ווייבער, האַלטען גראָבע ספרים אין די הענד און לייענען, ערגיץ אין אַ פֿענסטער, פֿון וואַנען עס ווייזט זיך ווייסע פֿאָרהאַנגען און בלומען טעפּ, קוקט אַ מיידעל אַרויס און האַלט אַ בוך אין האַנד. אויף אַ באַנק פֿאַר אַ הויז זיטצען שניידער יונגען אָנגעטהון אין אויפֿגעשטעלטע קעלנער מיט קורצע רעק און יודישע היטלעך און קנאַקען קערליך, טהיילמאָל שפּאַצירט זיך דורך אַ בעל־הבית, דאָס טיכעל אויפֿ'ן האַלז פֿערלייגט און בעקוקט די הייזעלעך; ער גיט אַ מאָל אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ אין אַ פֿענסטער אַריין: גוט שבת! פֿון וואַנען עס ווייזט זיך אַ ווייסער שלאָף־מיטץ צוריק שאָקלענדיג: — גוט שבת!

און דער גאַס איז שטיל. בעלי־הבתים שלאָפֿען, בעלי־בית'טעס לייענען: באַלד ווייזט זיך אַ יוד, נור ז' ער איז שוין ביַקל און טראָג דאָס טיכעל אום די האַנד אַרום געבינדען, און געט זיך אַלע מאָל אַרייב מיט'ן האַנד כאַר דער וואָנסע — דער פֿעלדשער... אַ גויע געהט דורך, טראָגענדיג צוויי עמערס וואַסער, און פֿלוצלונג ווייזען זיך פֿערשלאָפֿענע יורען, האַלב נאַקעט, דאָרשטיגע ווייבער, און שלעפּען מיט זיך מיט קינדער וואָס טראָגען: קריגעלעך, גלעזער, און יעדער שעפּט וואַסער פֿון די עמער. די גויע שעלט, שרייט, רייכט אוועק די עמער, ווער קוקט אָבער אויף איהר?...

און ווייטער ווערט שטיל אין גאַס.

דאָרטען אין עק מאַרק שפּאַצירט זיך אַ מיידעלע אַליין. זי געהט, פּאַוואָלע. אַ ודאי האָט זי זיך היינט־געגען שבת מיט אַ קליידעלע בענייעט! און קען זיך נישט איינהאַלטען זי

VI.

שבת'דיגע פערגעניגענס

א שבת'דיג קרעמיל מיט שבת'דיגע קונים.

דער מארשעליק האט זיך זיין שבת'דיג קרעמיל. ער מאכט זיך עפּיס אזא מין לימאנאדע, נאך זיין אופן נאך. קאכט צוזאמען פאמעראנצען מיט צימרינג, שנייט אריין אפאר ציטרין, און זאדע, און דאס האט עפּיס א מין משוגה'דיגע קאליער. און אז מען נעהמט אראב די דראט וואס איז אויפ'ן קארק .פון פלעשיל, גיט עס א זעטץ ווי פון א האַרמאַט און דער קארק פליהט גלייך אין שויב אריין, און פון דעם פלעשיל געהט א רויך ארויס, באלד א געוואלטיגער שוים, וואס צוהיצט זיך און שפּריצט אויפ'ן באלקען — און דאס וואסער האט עפּיס א מין טעם, נישט זויער, נישט זיס, נאר עס דרעהט עפּיס אינעווייניג, בורזשעט אויף די נעכטיגע פיש מיט דעם היינטיגען טשאלענט.

דאס ווייב זיינס האט צו פערקויפען אויף שבת פערשיעדענע קנאק־קערליך, גלאטע און קאנטיגע, שווארצע און ווייסע, ארץ־ישראל'דיגע און היגע און אז איהר געהט דורך פאר'ן מארשעליקס שטוב, קען מען דערטרונקען ווערען אין דעם ים שאלעכטס וואס ליגט פאר דער טהיר.

טאמער וויל א יוד עפּיס א הנאה האבען שבת פון א שענע מעשה, מיט א בן־מלך און דער בת־מלכה, און די זעקס גזלנים, אדער גלאט אזוי שמר'ס א העכסט אינטערעסאנטען ראמאן קומט מען אריין צום מארשעליק. — אין א שווארץ שאפקעלע וואס הענגט אויף דער וואנד ליגען אלע וואונדער שענע מעשיות, וואס א יודיש הארץ קען נאר גליסטען.

און דאס קרעמיל האט פרנסה נאר פון שבת. דא פערקויפט מען חלילה נישט פאר קיין געלד, חלילה. אויף דער וואנד הענגט א מין לאנגער טאוועל מיט אותיות אויפגעשריבען. אונטער יעדען נאמען ציהט זיך אוועק א שורה לעכלעך. נעהמט איינער א פלעשיל וואסער — שטעקט מען אין א לעכעל א שטיקעל פאפּיער. נעהמט ווער א האנד קנאק־קערליך שטעקט מען אריין צוויי שטרוי, נעהמט ער עפּיס א בוך צום לעזען, שטעקט מען אין לעכעל נאר איין שטרוי אריין. טהייל, וויטער האנדלען מיט עפּיס אזעלכע מיני קוויטעליך, וואס זיי קויפען די קוויטעליך ארויס. און וויטער די וואס האבען נישט קיין קאנטע, למשל, ישיבה בחורים ווילען טרינקען וואסער, לאזען זיי איבער די גארטלען א משכון, אדער א מיידעל וויל אראמאן נעהמען צום לעזען — לעגט זי א טהיי־לעפעלע איין, א טאשען־טיכעל, אדער א פארטוך.

*

אין גארטען ביי חנה ביילען.

ווען דער עולם איז פערטהון מיט'ן שלאף — און ביים מארשעליק לימאנאדע

טרינקען, קלייבען זיך צוזאמען יונגע חברה ביי הנה ביילען אין גארטען און חאפּען א טענציל.

צווישען פיער ביימער שטעלען זיך אויס פיער דאמען און פיער הערען, נעבעך פערהארעוועטע דינסטמיידליך, מיט שניידער יונגען. דער מנהג איז ביים טאנצען נישט צו רעדען פּראסט יודיש אזוי ווי מען רעדט תמיד, נאר מען פערדייטשט דאס יודיש רעדען.

איינער פון זיי זיצט אויף דעם גראז און באמבעלט עפּיס אונטער דער נאז א מין לידעלע, און דער עולם דרעהט זיך אהין און אהער. איינער פון זיי — מיט א אונטערגעהאקט אויג און מיט א טיעף אבגעשוירענע פאה, און א פערשפּילעוועטען געקראחמאליעטען קאלנער — לערענט דעם עולם.

— פ־יילען דאבשע געבען זי מיר די האנד, אט אזוי, ראנדע, ראנדע.

— אין א זייט קאמאנדעוועט א צווייטער.

דער דין ר' ליביש ווערט עס געוואהר, ער חאפּט דעם בית־המדרש שמש און לאזען זיך אין גארטען אריין.

— הולטייקעס, עוכרים, די שטאדט ברענגט איהר אונטער.

און דער עולם חאפּט די פיס אויף די פלייצעס און מאכט פליטה.

~~~~~~

V.

שבת אויפ'ן בארג

און דער שבת איז אויפ'ן בארג, דאס שטעדטיל שלאפט זיך געשמאק, אונטער די מאמעס פארטיך — די מנוחה פון שבת. און חדר יונגלעך האבען זיך אויפ'ן בארג פערקליבען, אויף דעם שפּיץ בארג שטעהען יונגען און קוקען דורך די פויסטען אויפ'ן שטעדטעל, מרגלים הייסען דאס „שפּירען אויס" דאס „ארט" מיט שפּאקטיפען, בארג־אראב, גליטשען זיך יודישע קינדער איינס נאכ'ן אנדער'ן, איינס נאכ'ן אנדער'ן, און צורייבען די שבת'דיגע קאפּאטקעלעך, מיט די שבת'דיגע שטיוועל. ווייבער געהען שפּאצירען אויפ'ן וועג, פאר'ן בארג, און שטעלען זיך אב, שרייהען אויפ'ן בארג ארויף: נחום די שבת'דיגע קאפּעטע, חיים געהסט אראב, דו געהסט? חברה הערען נישט, און גליטשען זיך וויטער איינס נאכ'ן אנדערן בארג־אראב. באלד שרייט א יונגעל: דער רבי געהט, דער רבי! און חברה מאכען פליטה, וויט אוועק...

און דארט וויט אונטערן בארג, ציהט זיך דער וועג אוועק, אט ווייזט זיך דאס וואסעריל וואס עס טהיילט דאס שטעדטיל דורך, דארט איז די וואסער מיעל, דאס ראד קלאפּט אין וואסער, און עס פּאטשט פון דערווייטען, און דארט נאך דער וואסער מיעל געהען בית המדרש בחורים וויט אויפ'ן וועג שפּאצירען...

~~~~~~

VI.

דער טהייל שבת וואס קעהרט צו גאט.

דער עולם דערהייבט זיך פון שלאָף, אין די גאַסען הויבען אָן צו רעש'ן, פון די אָפענע פענסטער לאָזט זיך דער קול תורה הערען. אָט הערט זיך אַ קוויטשענדיק קול פון אַ יונגעל פערהערענדיג זיך ביים טאַטען. אַ יוד זאָגט ערגיץ „פרק" הויך, אייפ'ן קול. פון ערגיץ וואו הערט זיך ווי אַ צווייטער יוד לערנט חומש, אונ בעגלייט עפּים פון אַ וויינענדיגע ווייבליבע שטימע .זאָגענדיג תהלים. באַלד קומט פון ערגעץ אָן אַ טרויעריגער גמרא=נגון צו שווימען. אין דער גאַס מאַרשירט אַ שרענגע קינדער צו פאָרליך, פאָראוים דער בעהעלפער, ווי אַ פאַסטוך פאַר'דער סטאַדע, אונטען דער רבי; זיי געהען באַלד אין אַ הויז אַריין, אַ יונגעל הויבט אָן אַ ודאי חומש צו לערנען.

אין דער שוהל-גאַס איז היימלעך, ווייבער אָנגעטהון שבת'דיג זיטצען פאַר דער טהיר אונ שמועסען צווישען זיך, אין עק שוהל=גאַס, ווי עס הויבט זיך אָן די שוסטער=גאַס, האַלטען יודישע יונגלעך מלחמה מיט שקצים, שיסען מיט שטיינער, אַ געלויף ווערט, יודען לויפען ווייסען אַליין נישט וואו: אַ גוי יאָגט! . . .

דאָס בית-המדרש איז פול, דער בעריהמטער לאָמזער משולח זאָגט היינט פאַר'ן עולם, אונ זיין קול הערט זיך פון די אָפענע פענסטער, מיט אַ וויינענדיגען „ר ב ו ת י!" אונ דער עולם שטעהט צוזאַמען געקוועטשט אונ שוויטצען, עלטערע ווייבער אויף די פענסטער בייגען די אויערען אין בית-המדרש אַריין, ווילען אויך אַ וואָרט הערען.

די בעלי.בתים פון דער אַריסטאָקראַטישע שוהל לאָזען זיך בעגיגען מיט אַ בלויסען קאַלטען מנחה . . .

אין דער גאַס זעהט מען נור ווייבער.

אין דער זעלבע שוהל=גאַס, ערגיץ אין אַ הויף, אויף קרומע טרעפּען, אין אַ קליין שטיבעלע, ד' עַל ד', האָבען זיך אַפּאָר יונגע לייטליך צוזאַמענגעקליבען. די וואַנד אין דעם קליינעם שטיבעל זענען בעהאָנגען מיט בילדער אונ צייכענישען; אַ גרויסער „מגן-דוד" אין מיטען „ציון" אויסגעקלעבט מיט רויט פאַפּיער, פון איין זייט מגן=דוד הענגט ה ע ר צ י ל 'ס ביה'ד צוזאַמענגעשטעלט פון קליינע פינטעליך, וואָס דאָס, זאָגט מען, זענען אותיות; אויף דער צווייטער זייט הענגט אַ ראַס, דרינען אַ שטיק פאַפּיער, מיט פערשידענע פאַרבען אויסגעמאָלט, דאָס זאָל זיין אַ יוד, וואָס אַקערט די ערד, אונ די הויכע טענענביימער געבען צו פערשטעהען, אַז עס איז אין ארץ ישראל, אונטען איז מיט גרויסע גולדענע בוכשטאַבען אויסגעמאָלט: „מאתי געציל בן-צ י ו ן. אויף דעם טיש, ווי עס זיטצען די יונגע=לייטליך (צו מערסטען טראָגען זיי ברילען), ליעגט אויף פאַראַדע אויסגעשפּרייט איינִיגע אַלטע געלע נומערן „די וועלט", אַ יונגער=מאַנטשיק מיט אַרומגעשוירען בערדיל אונ בלאָע ברילען, אין זיי לאַטצען פון פאַ. טע טראָגט ער עפּים אַ מין שפּילקע אַריינגעשטעקט, אין וועלכען

עס איז קונצליך אַ מגן=דוד אויסגעקריצט — אונ דער יונגער מאַן שטעלט זיך אויבען אָן, נעהמט אַ נומער „וועלט" אין האַנד אַריין אונ הויבט אָן לעזען:

— ר ב ו ת י! הויבט ער אָן, ווי דער מגיד אַ דרשה.

VII.

דער שפּאַציר.

עס האָט שוין אָנגעהויבען צו טינקלען, די זון ציהט זיך פאַוואָלע מיט רוהיגע שבת'דיגע טריט אַרונטער אונטער'ן שטעדטיל. יודען געהען אַהיים פון שוהל שלש= סעודות עסען. זעליג פורמאַן לאָזט זיך מיט זיין „ווייסען אָדלער" שפּאַצירען צום ברינען, דער ווייסער, טראָגט אויפ'ן האַלז דעם עמער, אונ געהט זיך מיט פוילע טריט, מנוחה'דיג, אַזוי ווי ער וואָלט געוואוסט, אַז מען טאָר אום שבת קיין „פסיעה גסה" נישט מאַכען. אין דעם געסיל הויבט זיך שוין אָן ווייזען פאָרעליך, מיידלעך קוועטשען זיך איינע אין דער צווייטע אונ געהען צוזאַמענגעדריקט שפּאַצירען. באַלד ציהט זיך דורך אַ שורה ווייבער אין טיעפע שייטליך, בעלענט מיט אַלערליי מיני צירונג: קייטעלעך אויער=רונגעלעך, אונ יעדע האַלט ביי דער האַנד משה'ליך, שלמה'ליך אָנגעטהון אין כנפות'לעך אונ אין היטעלעך, די יונגעלעך האַלטען זיך אָן ביי דער מאַמעס הענד, אונ די ווייבער מיט זייערע קינדערלעך אָהן עין הרע, פערשטעלען דעם וועג, באַלד לאָזט זיך אַ דורך אַ גרופע מאַנספערשוינען אַלע גלייך אָנגעטהון, נאָר טהייל האָבען געלע בערדליך, טהייל שוואַרצע, טהייל רויטע (די ערוואַקסענע קינדער געהען מיט די טאַטעס מיט), אונ דער עולם שמועסט הויך אין דער גאַס פון פערשידענע שטאָדט=זאַכען.

— אויף די בענק פאַר די הייזער זיטצען אַלטע ווייבער אונ קוקען שטום, אויף דעם יונגוואַרק; בעטראַכטען דעם דור, וואָס זיי לאָזען נאָך זיך איבער, טהיילמאָל מאַכט איינע די צווייטע אַ בעמערקונג אונ רוימט איהר עפּעס אין אויער אַיין, נאָר מערסטענטהייל איז דער אַלטער עולם שטיל אונ בעטראַכטען די שפּאַצירענדע.

VIII.

מוצאי שבת.

עס טינקעלט שוין, די זון האָט זיך לאַנג שוין אַראָב געלאָזט אונטער די שפּיטץ דעכער, אונטער די „אַרענדע", אונ דאָס שטעדטיל איז אין אַ טונקעלען

שאָטען איינגעהילט געוואָרען, עפּעס ווי איינצושלאָפען, איבער געהען אַיילענדיג פון שפּאַציר אַהיים אונ אַ קליין מיידעלע שטעהט פאַר אַ הויז אונ וויינט הויך: „מאַמע!"

אַלע בעלי־בתים זענען אין בית המדרש פערזאַמעלט, אונ אין בית המדרש איז שטאָק פינסטער, איינער שמועסט מיט'ן צווייטען, נישט צו זעהען זיין געזיכט. פון דעם פינסטערן עולם לאָזט זיך פּלוצלינג הערען אַ וואָכענדיגער „והוא רחום", דער שמש שטעהט אויף די טרעפּליך פון דעם בית המדרש אונ קוקט אין הימעל אַריין, זוכט אַ שטערן, אַז ער זאָל קענען אַליכט אָנצינדען.

ביים רב זענען די פענסטער אָפען, אונ פון דאָרט דרינגט אַ טרויעריגער „שיר המעלות"־נגון אַרויס, יודען בעגלייטען דעם שבת מיט געזאַנג ...

אין די גאַס איז שטיל — דאָרט אין עק איז שוין פינסטער, אונ פון אַ אָפען פענסטער פערבלאָנדזעט זיך אַ שטילער טרויעריגער „גאָט פון אברהם".

פון דערווייטענס הערט מען:

— שרה'לע, מען מעג שוין אָנצינדען.

אין אַ שוואַרץ פענסטער בעווייזט זיך אַ ברענענדיג ליכט.

אונ דער עולם לאָזט זיך פון בית־המדרש אַהיים, טהיילמאָל הערט זיך, צווישען עולם אַ טרויעריגער „גוט וואָך", דער איבריגער עולם איילט זיך שטיל, טרויעריג אַהיים.

אויבען אין הימעל בעווייזען זיך וואָס אַמאָל מעהר די שטערן, עס איז נאַכט.

באַלד ערגעץ וואו עפענט זיך, פּלוצלינג, אַ געוועלב, אונ אַ גרויער פאַס ליכטיגקייט פאַלט פון געוועלב אין דער פינסטערער גאַס אַריין.

באַלד בעווייזט זיך אַ צווייטעס, אַ דריטעס געוועלב אונ די פינסטערע גאַס ווערט ליכטיגער.

פון דערווייטענס הערט זיך אַ קול:

— טאַטע, זייליג שפּאַנט שוין דעם וואָגען איין ...

אַ ווינטער אין אַ שטעדטיל.

פערשלאָפען, פאַר זיך אונ אין זיך אַליין ליגט זיך דאָס שטעדטיל, טיעף אין טהאָל; פון איין זייט מיט בערגער בעשטעלט, פון דער צווייטער זייט מיט הויכע ביימער. אונ אויבען טיעף אין דער הייך צוגיסט זיך ווייך אונ רייך די זונן איבער די לאַנגע אונ ברייטע הימלען ...

זומער ווען דער וואַלד, דער גרינעע זיידע פון שטעדטיל בליהט, אונ דאָרט אויפ'ן באַרג ציהען זיך אַרויף גרינע פעלדער אונ אויבען, די רייכע, יום־טוב'דיגע זונן ווערען די אָרימע הייזלעך פ ע ר ש ע ט ט פאַר גאָט'ס רייכע וועלט; אָרימע, איינ־געפאַלענע הייזלעך שטעהען וויסט אונ טרויעריג; קלעהרען אויף אַ תכלית, פון יענע וועלט ... אונ דאָ איבער זיי ציהען זיך אַזאַלכע רייכע אונ רחבות'דיגע הימלען ... אונ די הייזליך קוקען נעבעך אויס, די ווי אַ וואָכענדיג מנין אונ וואָכענדיגע מלבושים וואָלטען זיך צונויף געקליבען אין שוהל, אין אַ שבת שירה, למשל, די שירה צו זינגען ...

ווינטער — איינ־אַרט־גער גרויער, וואָכענדיגער הימעל ליגט שווער איבער דעם שטעדטיל. קאַלט איז ער, דער הימעל, אונ עס גלוסט זיך איהם נישט ס'מאָל צו זאָרגען ... דער מאַרק אין שטעדטיל איז מיט שניי בעשאָטען, הויכע קופּעס שניי ווי ערשט יעטצט פון גאָט'ס אוצר אַראָב געפאַלען. אַזוי גלייך, אַזוי אָבגעטאָקט, גלייך, ווי מען וואָלט מיט צופליים אין פראָשעקעל אויפ'ן צווייטען אַרוף־געהויכט. זיי ליגען פאַר די הייזער, אונ די הייזלעך, ווייסע נאַכט־קאָפּקעלעך אויף די קעפּ, חאַ חאַ חאַ, אַ געלעכטעריל האָט ער זיך געמאַכט דער קונדאַס, דער שניי. אַלטע הייזלעך שטעהען נעבעך פאַר זיך, האָבען מיט זיך זעלבס צו טהון ... קומט ער אונ טהוט זיי אויף די קעפּ קאָפּקעלעך אָן ...

אַ געלעכטער'ל מאַכט ער זיך.

צוויי ביימלעך שטעהען אין מיטען מאַרק.

זומער, ווען די פעלדער אַרום דעם שטעדטעל ציהען זייערע בליעכץ אַרויס, אונ דער באַרג ווערט בעוואַקסען, פריווט אַ ביימעלע אויך פון אַ צווייגעלע אַ

בלעטעל אַרוים צו ציהען. עס הייסט, איך קען אויך ... אונ עס בליהט זיך דאָס צווייגעל אונ לאַכט אין מאַרק אַריין. טהיילמאָל קומט גאָר אָן אַ פֿייגעלע שטעלט זיך אויף דעם צווייגעל אונ פישצעט. אויך מיר זומער, אויך מיר בוים, אויך מיר פֿויגעל ... געהט זיך אַ יונגעל פֿון חדר אַ היים: זעהט ער דאָס צווייגעלע בליהט אונ אַ פֿייגעלע פישצעט לעגט ער אונטער צוויי זאַנגען מיט סמאָ׳ע איינגעשמירט; נעמט ער אונ רייסט זיך שוין די צווייגליך אָב ... פֿליהט דאָס פֿייגעלע אונ קלעבט זיך אין די סמאָלע אָן, אונ פֿאַנגט זיך דאָס יונגעלע דאָס פֿייגעלע... קומען די ציגען אָן אונ שטעלען זיך אַרום די ביימערלעך אונ עסען זיך געשמאַק די שאָ׳ען ...

די ביימערלעך בליהען אין ווינטער.

אַרום דעם מאַרק שטעהען די הייזליך, אַלע ווייס בעשנייט. דער מאַרק, די שוואַרצע בריק, מיט שניי בעשיט אונ עס דאַכט זיך, אַז אַלעס בליהט פֿון זיך מיט שניי... אונ אויך די צווייגעלעך פֿון די ביימער ציהען פֿון זיך לאַנגע שניי-שטריקלעך, אונ עס דאַכט זיך: אָט, אָט האָט דאָס צווייגעלע ווייסע שניי-בלומלעך פֿון זיך אַרויסגעצויגען ...

אונ דער שניי האָט פֿיעל געמאַכט די לעכער אין די שאָל, וואָס די ציגען האָבען אויסגעגעסען.

אונ אַרום אונ אַרום איז אַ ווייסע וועלט, אַ ווייסער מאַרק, אַרום מיט ווייסע הייזלעך, איך וואָלט געשוואָרען, יודען אין קיטלען מיט ווייסע קאַפּעלעך ... דער באַרג אין ווייסען אָנגעטהון, אונ מיטען שטעהען זיך די צוויי ביימערלעך אונ בליהען ... זיי ציהען פֿון זיך ווייסע בלימערלעך אַרוים ...

זומער ווען די זונן שיינט, די הימלען זענען ליכטיג, די ערד בעוואַקסען, גאָט׳ס וועלט אויף געלעבט ווערען די בעלי בתים פֿון שטעדטעל פֿערשעמט, עס איז נעבעך אַ לועג לרש; עס דרעהט זיך אַ יוד אין גאַס אַרום, אָהן פרנסה, אָהן תכלית; אין דער היים אַ הונגעריג ווייב מיט הונגעריגע קינדער, אונ דאָ פֿרעהט זיך אַלץ אונ לאַכט — עס דאַכט זיך, אַז גאָט אַליין מאַכט, חלילה, חוזק אויס דעם אָרעם-מאַן ...

ווינטער, אין שטעדטיל זעהט שטענדיג אויס ווי צו מנחה צייט — די גרויעליכע הימלען, חלעבען האָבען אויך אין דער היים הונגעריגע קינדער איבער-געלאָזט, אָהן קוי׳ען ... אונ דער שניי פֿאַלט, וואָס וויל ער? דרעהען זיך יודען אין גאַס אַרום, פֿערשטעלט ער זיי, מאַכט פֿון יונג אַלט, פֿון אַלט יונג, אונ דאָרט פֿון אַ געוועלב גליטשט זיך אַרוים אַ גרויערליכער לעמפּעל-שיין אונ פֿאַלט אויף די קופּקעס שניי וואָס ליגען פֿאַר די הייזער ...

אונ חדר יונגלעך טרעטען אין שניי אַ וועג אויס אין בית-המדרש אַריין אונ עס לאָזען זיך אויף דעם אויסגעטרעטען שטעגעל, צווישען די קופּקעס שניי, איין יוד נאָכ׳ן אַנדערן, איינגעבויגען, אין בית המדרש אַריין מנחה דאַווענען. אונ דער שניי פֿאַלט, אונ פֿאַלט ...

אָט שיינט שוין פֿון דעם בית המדרש פֿענסטעריל אַ ליכטעל אַרוים, דער שמש צינד שוין די ליכט׳לעך אָן ...

אַ פְּשׁוּט׳ה מַעֲשֶׂה.

פֿייגעלע האָט ליעב ווי אַלע יונגע מיידליך זיך צו סטרויען אונ צו פוטצען.

אין דער וואָכען האָט זי קיין צייט ניט צו אַזוינע נאַרישקייטען, אַרבייט איז דאָ אָהן עין הרע אונ נייהען מוז מען, דירה געלד קאָסט טייער אונ די צייט איז שלעכט. דער טאַטע פֿערדינט וועניג אונ צו די דריי הונדערט רובל נדן פֿעלט נאָך נאָר אַ סך. דערצו נעמט די מאַמע פֿון נדן צו ביסליך אויף שבת ווען עס פֿעהלט איהר אויס.

— חתנים זענען דאָ ווי די הינד אָבער יעדער הונד וויל אַ פֿעטען ביין, — פיקט אַ געדאַנק אין איהר קאָפּ.

קלערען פֿיעל האָט זי פֿיינט. אַ יונג מיידיל, אונ שען. אמת מען טאָר זיך נישט איינרעדען, אָבער דאָך ווען זי שטייט ביים שפּיגעל זעהט זי פֿאַר זיך איהר ליכטיג פּנים מיט איהרע ראָזע באַקען, אונ ווי די שוואַרצע האַר לאָזען זיך אַראָב. נאָר באַלד פֿערגעסט זי אין דעם, ווי גלייך זי וואָלט מורא האָבען, אַז זי זאָל זיך קיין עין הרע נישט געבען.

שבת איז שוין גאָר קיין איין אַנדערע זאַך, דענסטמאָל איז דאָ צייט צו דעם. אונ דאָס פוטצען דאָס סטרויען — נעמט קיין ענדע נישט. די מאַמע שרייט: פֿייגעלע שוין גענוג זיך געפוטצט, ביזט אַזוי אויך שען. נאָר וואָס ווייסען אַלטע ווייבער? פֿאַר זיי איז אַזוי אויך גוט. אָהן אַ קאַפּעלוש אונ אָהן אַ זשאַקעט איז אויך רעכט.

אָבער אַ יונג מיידיל ווייסט וואָס דאָס בעדייט, דאָרטען אויף דער באַנק זיצט ער — אליעזר מיט נאָך אַ חברה קאָלעגעס אונ וואַרפֿט אויגען, ער מיינט אַז מען ווייסט נישט, קוקט מיט זיינע גנבה׳שע אויגען, שטופּט דעם צווייטען קאָלעגע: „זעהסט, פֿייער אונ פֿלאַם", אונ זי, פֿייגעלע, מאַכט זיך ווי גאָר נישט, זי געהט אַדורך, גלייך, קאַלטבליטיג נישט ווי זי וואָלט מען געמיינט, פֿון הינטען קוק, קוק נאָך, אונ נעם דיר דאָס לעבען, הענג דיך אויף ...

אָבער אַמאָל ווי גרוים איז דיר דאָס פֿערדרוס, דאָס עגמת נפש. ווען דו געהסט אַדורך, אונ ער בעמערקט דיך נישט, נאָר קוקט אויף יענע, אויף מלכה׳ן וואָס געהט אָנגעטהון דעם נייעם זשאַקעט מיט דעם קאַפּעלוש אונ עס פּאַסט איהר

זוי אַ הונד אַ שלייער, און ער קוקט דאָך אויף איהר, און דו דרעהסט זיך נאָך אַמאָל, און נאָך אַמאָל, מאַכסט דיך נישט וויסענדיג (עס פּאַסט דאָך נישט), נאָר פון הינטערוויילעכ׳ס וואַרף אויגען און דו זעהסט, ווי ער קוקט נור אויף מלכּה׳ן און זיין גאַנץ פּנים לייכט פאַר פרייד, ער שטופּט זיין קאָלעגע, ווי זאָגענדיג: „דו זעהסט?“. האָב דענסמאָל אַ אייזערן האַרץ, אַ שטאָלענע גאַל, אַז זי זאָל דיר נישט פּלאַצען פאַר קרענקונג.

טאַקי, דערנאָך, אַז ער בעמערקט זי, נו מוז זיך שוין מלכּה אָבטראָגען אין אַ זייט, אָט דערהויבט ער זיך שוין אויף פון באַנק, שלעפּט מיט דעם קאָלעגע און געהען נאָך, נאָך, ווי אַ שוואַרצער שאָטען. איין מאָל דורך, קוקט: גוט שבּת! שאָקעל איהם צוריק מיט דעם קאָפּ שטאָלץ, עס הייסט גאָר נישט... עס איז מיר אַלעס איינס, וועל איך נאָר אריינגעהן אין איין אַנדערע אַלעע. אָט איז ער אויך דאָ, ער געהט נאָך, ער געהט נאָך ווי אַ בייזער שילדער.

און דענסמאָל איז אַזוי גוט, אַזוי פיין, דו מאַך זיך גאָר נישט קוקען, גאָר איהם נישט בעמערקען. נאָר געה דיר שטייף, פעסט, דעם קאָפּ אין דער הויך, און ער קוקט און געהט נאָך. חאָטש אין עק וועלט, אין פּוסטע מדבריות געהט ער דיר נאָך, חאַ, חאַ, אַזוי גוט, אַזוי פיין.

נאָר איינמאָל, אין אַ שבּת פאַר נאַכט, אין גאָרטען, אַזוי געהענדיג מיט איהר׳ס אַ חבר׳טע, און ער געהט פון הינטען נאָך, איז זי זיך פערקראָכען אין אַ פינסטערע אַלעע, זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק וואָס שטעהט הינטער אַ פיעלען געדיכטען צווייגענבוים.

ער קומט אָן און זעטצט זיך אויך אַ נידער, אויף דעם צווייטען עק באַנק.

פאַר נאַכט, די הויכע פיעלע צווייגען־ביימער פערשאָטענען, פערפינסטערן און דונקעל ווערט, מען ווערט פערשטעלט, בעהאַלטען פון מענשען׳ס אויגען.

אַ ווינטיל בלאָזט, גרינג און ליעבליך, עס ווערט אַביסיל קיהל.

און דאָ איז אַזוי גוט, די הערצער קלאַפּען אין דער שטיל.

ווער וועט פריהער אָנהייבען?

ער גיט אַ הים, עס הייסט איך בין דאָ, זי גאָר נישט, איך וויים נישט ווער דו ביסט, און וואָס דו ווילסט? וואָס געהט עס מיך אָהן.

זיי שווייגען ביידע, און דאָס ווינטיל וואָס בלאָזט, דערצעהלט פון אַלעס וואָס ביי ביידע אין די הערצער טהוט זיך.

— איך בעט אייך, איהר ווייסט נישט ווי שפּעט עס איז?

— ניין, איך וויים נישט, ענטפערט זי איהם שטייף: עס הייסט, איך וויים גאַנץ גוט וואָס דו מיינסט; נאָר איל דיך נישט אַזוי, עס וועט דיר נישט אַזוי גיך אָנקומען.

און איהר חבר׳טע וואָס זיצט ביי איהר שטופּט זי: דו הערסט?

זי פערדריסט אַביסיל אויף די חבר׳טע, זי חאָטש, קלערט ביי זיך, אַז ער מיינט זי?" און באַלד וויל זי זיך אויפהובען פון דער באַנק, אָבער זי זיצט ווי איינגעקלעבט.

— אַ שענע נאַכט, וואָס ניין?

— יאָ, אַ שענע נאַכט.

אָט אַזוי פערלענגערט זיך דאָס געשפּרעך, ער אַ פראַגע, זי אַ אַנטוואָרט. מען רעדט פון פערשידענע זאַכען, צום ערשט מיט שרעק, מיט האַרץ קלאַפּיניש. דערנאָך ריקט מען זיך נעהנטער איינער צום צווייטען און מען ווערט גאָר היימישער.

זי געהט אַהיים, ער פיהרט זי אָב, מען דערלאַנגט זיך די הענד, און מען זאָגט זיך: אויף ווידערזעהען.

און אַ צווייט מאָל, און אַ דריט מאָל, טרעפט מען זיך צוזאַמען. יונגע הערצער ציהען איינס צום צווייטען ווי מאַגנעס. אין אָנהויב, פערשטעהט זיך, דורך אַ צופאַל, דורך אַ טרעפעניש האָט מען זיך פונקט געזעהן, געטראָפען אין געזעלשאַפט פון נאָך צוויי, פון איהר חבר׳טע, און זיין קאָלעגע. און צו ביסלייכווייז, פיהלט מען עפּעס, אַז מען דאַרף זיך אַליין זעהען, הינטער צוויי אויגען... און מען שמועסט זיך טאַקי אָב, אין דער שטיל זיך אַליין צו בעגעגנען.

און ביידע האָבען זיך געטראָפען.

פערגאַנגען זענען זיי זיך אַרוים א הינטער דער שטאָדט, צווישען הימעל און פעלד, מען געהט און מען רעדט, אָבער פונקט ווי זיי וואָלטען וויסען, אַז דאָס געשפּרעך איז נור געמאַכט, שווייגען זיי ליעבער.

פאַר נאַכט, די לעצטע שטראַהלען פון דער זון בעגאָלדענען און בעלייכטען די קעפּליך פון די זאַנגען, וואָס ציהען זיך פון ביידע־זייטען וועג.

אַ ווינטיל בלאָזט, בייגט איין די קעפּליך פון די הויכע זאַנגען, און זיי שושקען זיך בסוד. און זיי געהען אויפ׳ן לאַנגען וועג ווייט אוועק.

עס הויבט אָן נאַכט צו ווערען.

און וואָס אַמאָל ווערט מעהר פינסטערער, טרויעריגער און ליעבער.

— שוין לאַנג האָב איך מיך געוואָלט דערקענען מיט דיר — פייגעלע.

— איך וויים עס, דו ביזט מיר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטען.

זיי שווייגען.

— וואָס קלערסט דו פייגעלע?

— וואָס קלערסט דו אליעזר?

און פּלוצלינג לאָזט מען זיך גאָר אַריין אין אַ טיעפען געשפּרעך פון פערשידענע זאַכען, מען שמועסט פון דעם, און יענעם, וואָס נאָר די וועלט האָט אַ־ין עק.

און טינקלער ווערט וואָס אַמאָל מעהר, וואָס אַמאָל מעהר.

זיי האָבען זיך נעהנטער צוזאַמענגערוקט.

אָט, נעמט ער זי אָן ביי דער האַנד, זי גיט אַ ציטער, און וואָס אַמאָל מעהר גנבֿ׳ט זיך זיין האַנד אין איהר האַנד.

פּלוצלינג, ווי פון הימעל אַראָבגעפלויגען, בייגט ער צו זיינע ליפּ׳ן צו איהר באַק און גיט איהר אַ קוש.

אַ פויגעל איז פאַרביי געפלויגען...

זי גיט אַ לייכטען ציטער, נעמט אַרויס איהר האַנד פון זיינע, און ווערט אַביסיל ברוגז׳דיג.

ער ווייסט, אַז עס איז נור אַזוי געמאַכט.

אָבער באַלד ווערט וויטער גוט, אַזוי ווי זי וואָלט געהאַט פֿון אַלעם פֿערגעסען. און אַזוי פֿערברענגט מען אַ פּאָר שעה, יעדען טאָג גנב'ט מען זיך אַרויף הינטער דער שטאָדט...

און אליעזר הויבט אָן אַריינצוגעהן צו איהרע עלטערן אין הויז, דאָס ערשטע מאָל מיט איין אויסרייד, ער האָט אַרבייט פֿאַר פֿייגעלע'ן, און דערנאָך קומט מען ווי דער שטייגער איז, געוואָהר ווערען ווען די אַרבייט וועט פֿאַרטיג זיין. און פֿייגעלע מאַכט זיך ווי זי וואָלט איהם גאָר נישט געקענט ביז אַהער, נישט געוואוסט ווער ער איז, און בעט איהם זיטצען מיט דרך ארץ.

אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, אליעזר קומט שוין תמיד אַריין, פֿראַנק און פֿריי צו פֿייגעלע'ס עלטערן, שוין נישט מיט קיין אויסרייד.

פֿייגעלע'ס עלטערן האָבען דערקענט אין איהם, אַז ער איז איין אָרענטליכער יונגער מאַן, אַ בעל מלאכה, און פֿערדינט שען געלד, זיי ווייסען גאַנץ גוט צו וואָס אַ יונגער מאַן קומט צו אַ יונג מיידיל... מאַכען זיי זיך ניט ווייסענדיג, טראַכטענדיג זיך: לאָזען זיך די קינדער בעסער דערקענען וועט מען דערנאָך שמועסען.

ביי נאַכט, אַ קליין שטיביל, שאָטען בעוועגען זיך אויף די ווענד. אַ נייער טיש, אויף וועלכען עס ברענט זיך אַ גרויסער בליטץ לאָמפּ — דערביי זיצט פֿייגעלע און נייט ביי איהר זיצט אליעזר און לעזט שמר'ס אַ ראָמאַן.

די טאַטע מאַמע אָנגעהאָרעוועט פֿון אַ גאַנצען טאָג אַרבייט, — שלאָפֿען אויף זייערע געלעגערס דאָרט אונטער די פֿאָרהאַנג וואָס פֿערשטעלט אַ האַלבע שטוב.

און זיי זיצען ביידע — נאָר טהיילמאָל מאַכט ער זיך אַ געלעכטער, נעמט זי אָן פֿאַר דער האַנד, אויסרופֿענדיג מיט אַ שמייכעלע: פֿייגעלע!

— וואָס ווילסט דו, נאַרעלע?

— גאָר נישט, גאָר נישט.

און זי נייט וויטער, טראַכט ביי זיך: ביסט אין די לאַפּקע, געפּאַקט דיך, נאָר מיין נישט, אַז דו נעמסט איינע פֿון דער נאַס אַראָב, ווי זי שטעהט און געהט, נאָך אַכטציג רובעל פֿעהלט אין גאַנצען צו די דריי הונדערט רובעל אין באַנק...

און זי ווייזט איהם — איהר אויסשטייער, די העמדער, און דאָס בעטגעוואַנד — וואָס זי האָט שוין די האַלבע ליעגען פֿערטיג אין קאַסטען.

און נעהנטער זענען זיי געוואָרען איינע צום צווייטען, וואָס אַמאָל, וואָס אַמאָל מעהר, אַזוי, אַז אַלע האָבען זיי שוין בעטראַכט פֿאַר חתן כלה, וואָס מען וועט אין אַ לאַדע טאָג תנאים שרייבען.

אַזאַ נחת, אַזאַ שמחה, אַזאַ גליק, האָט איהר טאָכטער געטראָפֿען, אַזאַ יונגער מאַן, אַזאַ גאָלדענער יונגער מאַן!

ר' יעקב איהר פֿאָטער, איז שוין אַ יוד אין די יאָהרען, אַ אויסגעהאָרעוועטער דאָרפֿסגעהער, געהט קרום מיט דעם זאַק אַלטוואַרג וואָס איז שטענדיג אויף זיינע פּליצעס.

אַ שטיקעל שמחה, איין שטיקעל נחת דערלעבט אין זיין לעבען, געקלויבט צו נאָט. —

אַלע פֿרעהען זיך, צו מייסטען פֿייגעלע, די באַקען זענען פֿרישער און רויטער געוואָרען, די אויגען טינקלער און פֿייערדיגער.

און אָט זיצט זי ביי דער מאַשין און נייט; און אין דער גאַנצער שטוב הילכט איהר קול:

„און וואָס איך האָב געוואָלט האָב איך אויסגעפֿיהרט.
„זאָל איך אַזוי לעבען.
„איך האָב געוואָלט אַ שענעם חתן.
„האָט מיר גאָט געגעבען",

און פֿייגעלע זיצט און נייט, נייט און זינגט.

אויף דער נאַכט קומט אליעזר.

— נו וואָס מאַכסט דו?

— וואָס זאָל מען מאַכען?

— וואַרט, וועל איך דיר עפּעס ווייזען.

— וואָס אַזוינס?

און זי דערהויבט זיך פֿון איהר אָרט, געהט צו צום קאַסטען וואָס שטעהט ביים ווינקעלע פֿון אויווען, נעהט עפּעס אַרויס און בעהאַלט עס הינטער דעם פֿאַרטוך.

— וואָס האָסט דו דאָרט? זאָגט ער מיט אַ געלעכטעריל.

— וואָס איילסט דו דיך אַזוי, זאָגט זי און זעצט זיך אַנידער נעבען איהם, נעמט אַרויס פֿון הינטער דעם פֿאַרטוך אַ בילד אויסגענייט מיט וולישקע „אָדם און חוה", און ווייזט איהם דאָס, זאָגענדיג:

— נו, זעהסט, דאָס האָט מיר אַ מיידיל, אַ חבר'טע געמאַכט פֿאַר מיר, פֿאַר אונז...

— אין אונזער שטיביל וועל איך דאָס אויפֿהענגען אויף דער וואַנד, פֿאַר די בעטען.

— פֿאַר מיין בעט, צו פֿאַר דיינס?

— וואַרט נור אליעזר — וועסט זעהען וועל איך דיר אויספּוטצען אַ שטיביל אַ גן-עדן זאָג איך דיר, אַ פּשוט'עס, נאָר אַלס וועט מוזען שפּיגלען, אַ מחיה וועט זיין דרינען אַריין צו געהן.

— און אַלע נאַכט נאָך דער אַרבייט, וועלען מיר ביידע זיצען, איינער נעבען אַנדערן, אָט ווי איצט — און ער נעמט זי אַרום.

— און דו וועסט מיר פֿון אַלעם דערצעהלען — דערצעהלען פֿון אַלעם, זאָגט זי, אַרויפֿלייגענדיג איהר האַנד אויף זיין אַקסעל, און מיט די צווייטע איהם אָנגעמענדיג פֿאַר'ן גאָמבע, און קוקען איהם טיעף אין פּנים אַריין.

און זיי איז אַזוי גוט, אַזוי פֿריילך אויפֿ'ן הערצען.

און אַלס אַרום אין שטוב איז עפּעס איבערגעצויגען מיט אַ גוטסקייט, עפּעס ווייכ'ס ליעבליכע זאַך — ליגט אויסגעגאָסען אויף אַלעם אין חדר'ל, אויף די

יוענד — אויף דעם טישיל, אַזוי ווי אַלס וואָלט איהר צוגעווינקען, געדערט איהר — צום האַרצען ליעבּר טרייע ווערטער...

און בּיידע שווייגען שטיל — און פערטיעפען זיך בּיידע אין זייערע געדאַנקען.

— זעהסט, זאָגט זי צו איהם, אַרויסנעמענדיג פון דעם קאַסטען דאָס בּיכיל פון פּאָסט. — צוויי הונדערט און פערציג רובעל שוין. עס וועט נאָך זיין בּיז דריי הונדערט רובעל. זאָלסט דערנאָך נישט האָבּען אויסצורעדען: „גענומען דיך בּחנם. אַזוי ווי דו בּיסט געשטאַנען און געגאַנגען“.

— געה, בּיזט אַ שלעכטע, איך בּין מיט דיר בּרוגז, פייגעלע, בּייזערט ער זיך,

— פאַר וואָס? ווייל איך זאָג דיר דעם אמת אין די אויגען, זאָגט זי קוענדיג איהם אין פּנים אַריין, מיט אַ געלעכטעריל.

און ער בּייגט אַוועק דעם קאָפּ, מאַכט זיך בּרוגז.

— געה שוין נאַריש, דו האָסט עגמת־נפש. איך האָבּ דאָך מיר נור געמאַכט אויף אַ געלעכטער, דו פערשטעהסט נישט?

אַזוי רעדען זיי בּיז עס ווייזט זיך די אַלטעס געזיכט פון דער פאָרהאַנג אַרויס, עס איז שוין צייט שלאָפען געהן און די יונגע פּאָר געזעגענען זיך.

*

ר׳ יעקב פייגעלעס פאָטער, ווערט קראַנק.

אין אָנהויבּ ווינטער איז עס געוועזען, דער ווינטער האַלט מלחמה מיט׳ן זומער: דער שיקט אַ שניי, דער צווייטער — אַ זון. צוגעהט דער שניי, עס ווערט אַ בּלאָטע און צו מייסטען גיסען רעגען ווי מיט צעבּערס.

אין אַזעלכע וועטערס איז דער אַלטער קראַנק. ער ווערט שלאַפער אויף די פיס, און ער לייגט זיך אין בּעט אַריין.

אויף קיין בּרויט איז נישט דאָ, אויף קיין קוילען אַ וַדאי נישט, בּאָרגט דערווייל פייגעלע.

און דער אַלטער ליגט אין בּעט און הוסט, דאָס אַלטע בּלייכע צוזאַמענגעצויגענע פּנים ווערט רויטליך, די צייהן בּעוויזען זיך צווישען די צוויי צוזאַמענגעצויגענע ליפּען און די בּלאָהע אָדערן שטאַרען זיך אַרויס פון די שלעפען.

מען שיקט נאָך דעם רופא. דער פערשרייבּט אַ מעדעצין.

די מאַמע וויל דאָס לעצטע קישען פערזעצען, לאָזט פייגעלע נישט. נעמט זי אָבּ פון שכירות — קלעקט דאָס נישט — פערזעצט זי איהר זשאַקעט, פון נדן וועט זי דאָך חלילה נישט ריהרען.

און ער, אליעזר קומט אַריין יעדע נאַכט.

בּיי דעם בּעקאַנטען טישיל, בּיי דער שיין פון דער בּעקאַנטער בּליך־לאָמפּ זיצען זיי בּיידע.

— וואָס בּיסט דו אַזוי טרויעריג, פייגעלע?

— און וואָס האָבּ איך פרעהליך צו זיין, דער טאַטע איז נעבּיך אַזוי קראַנק.

— גאָט וועט העלפען, פייגעלע. ער וועט געזונד ווערען.

— שוין נישט קיין פיער וואָכען קיין פּרוטה אין פּאָסט אַריינגעגעבּען.

— וואָס טויג דיר געלד?

— וואָס הייסט וואָס טויג מיר געלד? פרעגט זי דערשראָקען אַזוי ווי זי וואָלט פאַר עפּעס געציטערט — בּחנם וועסט דו מיך נעמען?

— ווי הייסט בּחנם. דו בּיסט בּיי מיר אַלעס געלד ווערט, מיין גאַנץ לעבּען, וואָס טויג מיר געלד. אָט דו זעהסט די פינף פינגער, זיי קענען אַלס פערדינען. צוויי הונדערט רובּעל האָבּ איך ליגען אין פּאָסט, אָנגעזאַמעלט מיר פון מיין אַרבּייט. וואָס דאַרף איך מעהר?

זי שווייגט אַבּיסיל און לאָזט אַראָבּ די אויגען — און די מאַמע דיינע? זאָגט זי שטיל.

— איך בּעט דיך, דו האָסט עפּעס חתונה מיט מיין מאַמען, צו מיט מיר האָסט דו חתונה, און וואָס געהט עס דיך אָן מיין מאַמע?

זי שווייגט.

— איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, איך נעם דיך אַזוי ווי דו שטעהסט און געהסט — אָט אַזוי — און דו נעמסט מיך אויך אַזוי — ווילסט דו?

זי נעמט דעם עק פאַרטוך צו די אויגען און וויינט אין דער שטיל.

שטיל איז אַרום. דער לאָמפּ פערשפּרייט זיין העלע ליכטיגקייט אין דעם שטיבּיל — און זייער שאָטען פערשפּרייט זיך אויף די וואַנד.

פון הינטער די פאָרהאַנג ווערט געהערט דאָס שווערע שלאָפען פון די אַלטע לייט.

און איהר קאָפּ איז אָנגעשפּאַרט אויף זיינע אַקסלען און איהר געדיכטע שוואַרצע האָר פערשטעלען זיין געזיכט.

זי וויינט אין דער שטיל: ווי גוט בּיסט דו אליעזר!

און זי עפענט איהר גאַנץ האַרץ פאַר איהם, און דערצעהלט איהם פון אַלעס ווי עס געהט זיי היינט, ווי שלעכט עס איז זיי היינט. אַלס האָבּען זיי שוין פערזעצט — און אויף צו מאָרגענס איז קיין גראָשען נישט דאָ.

ער נעמט זי ליעבּליך אַרום, און מיט דעם עק פון איהר פאַרטוך ווישט ער איהר די טרעהרען אָבּ פון די בּאַקען — זאָגענדיג:

— וויין נישט, פייגעלע, וויין נישט. עס וועט אַלס גוט ווערען.

— און איך זאָג דיר, אַז דו זאָלסט מאָרגען געהן אין פּאָסט אָבּנעמען עפּעס געלד און געבּען אויף אַלעס, בּיז גאָט וועט העלפען, דער טאַטע וועט געזונד ווערען און קענען פערדינען, דענסטמאָל...

— דענסטמאָל, חזר׳ט זי איבּער אין דער שטיל.

— דענסטמאָל וועט שוין גוט זיין, גיט ער איהר אַ ווינק מיט די אויגען.

— אַזוי ווי דו שטעהסט און געהסט — שעפּטשען זיינע ליפּען אין דער שטיל.

און זי קוקט אויף איהם — אַ שמייכעל לויפט איבּער איהר פּנים.

און איהר איז אַזוי גוט, אַזוי גוט...

צו מאָרגענס איז פֿייגעלע דאָס ערשטע מאָל אריין אין פּאָסט מיט'ן ביכיל, אָבגענומען אַ פּאָר רובעל און אהיימגעטראָגען די מוטער.

די מוטער האָט שטאַרק אָבגעזיפֿצט, געמאַכט אַ זויערע מינע — פֿערקנייטשט דאָס פּנים און אַראָבגעצויגען דאָס קאָפּ־טיכיל ביז איבער די אוירען.

דער אַלטער ר' יעקב וואָס ליגט אין בעט, האָט זיך מיט דעם פּנים אומגעקערט צום וואַנד.

דער אַלטער יוד ווייסט וואָס פֿאַר אַ געלד דאָס איז: זיין איינציג קינדס אויסגעהאָרעוועטע פּאָר רובעל. אַנדערע טאַטעס געבען קינדער און ער נעמט...

און ביי איהם זעהט עס אוים ווי ער בע'גול'ט זיי, די יונגע מענשען. איהם קומט שוין ניט צו לעבען און פֿאַר'ן טויט בערויבט ער זיי...

און קלערענדיג דאָס, פֿערגלייזען זיך זיינע אויגען, די בלאָהע אָדערן פֿון די שלעפֿען קריכען מעהר אַרוים און דאָס בלאַסע פּנים ווערט אָנגעלאָפֿען מיט בלוט.

און דאָס פּנים איינגעגראָבען צו דער וואַנד ליגט ער און קלערט אַזעלכע געדאַנקען.

ער ווייס, אַז ער איז דער גאַנצער שולדיגער פֿון די קינדערס גליק... און ער בעט אויפֿ'ן טויט...

און זי, פֿייגעלע, וואָלט געוואָלט עפּיס מיט אַמאָל בעגליקט ווערען. אַ סך געלד צו האָבען, רייך צו ווערען, צו זיין די גרעסטע גביר'טע.

און אָט, למשל, ווען זי האָט חאָטש איצט טויזענד רובעל און ער קומט אַריין: נאַ, נאַ דיר דאָס גאַנצע אַוועק, זעה פֿייגעלע איז געטריי — נאַ דיר, און זאָג נישט, בחנם נעמסט דו מיך אָהן נדן, ווי איך שטעה און געה...

*

ביים טאַטענס בעט זיצען זיי ביידע, זי מיט איהר אליעזר.

און דאָס האַרץ ווערט איהר פֿול מיט נחת — עפּיס פֿיהלט זי ביי זיך אַ פֿערגעניגען וואָס זי האָט עס נאָך קיינמאָל נישט געפֿיהלט — און אַפֿילו טרעהר בעווייזט זיך איהר אויף די באַקען.

זי זיצט און וויינט, פֿערשטעלט זיך דאָס פּנים מיט'ן פֿאַרטוך.

און ער נעמט זי ליעבליך אָן ביי'ם האַנד — זאָגענדיג אַלס מיט זיין ליעב זים קול: פֿייגעלע, הער שוין אויף, פֿייגעלע, איך בעט דיך.

און דער טאַטע ליגט אויסגעדרעהט מיט'ן פּנים צום וואַנד און דאָס בעוועגען פֿון זיין האַרץ הערט זיך אין דער שטיל.

און זיי זיצען. זי פֿיהלט צו איהם אַ געטריישאַפֿט, זי פֿיהלט, אַז זי קען זיך אויף איהם פֿערלאָזען.

זי זיצט און שלינגט זיינע ווערטער — זי פֿיהלט ווי ער קייקעלט איהר אַראָב אַלע שווערע שטיינער פֿון האַרצען.

דער טאַטע האָט זיך אומגעדרעהט, געוואָרפֿען אַ בליק אויף זיי. אויפֿ'ן טאַטענס

בלאַסע פּנים איז עפּעס אויסגעגאָסען אַזאַ ליעבער שמייכעל, ווי עס וואָלט זאָגען: האָט נישט, קיין מורא, קינדערליך, איך בין מסכּים דערויף מסכּים מיט מיין גאַנץ האַרץ.

און פֿייגעלע פֿיהלט זיך אַזוי גוט. אַזוי גוט...

*

דער טאַטע איז נאָך קראַנק, און פֿייגעלע נעמט אָב איין רובעל נאָכ'ן אַנדערן, איין פֿינף־רובעל'דיגען נאָכ'ן צווייטען.

דער אַלטער ר' יעקב ליגט אין בעט און קלערט, קוקט אויף די קינדער און שווייגט.

דאָס פּנים זיינס ווערט בלאַסער, איינגעקנייטשטער, שוואַכער. ער פֿיהלט ווי די כּוחות געהען איהם אוים.

פֿייגעלע נעמט אָב פֿון דער פּאָסט דאָס געלד די מאַרקעס אין ביכיל ווערען ווינציגער, ווינציגער, פֿייגעלע ווייסט, אַז עס וועט שוין באַלד נישט זיין.

דער אַלטער ר' יעקב ווינשט זיך אין דער שטיל: ער וואָלט שוין נישט אַזוי פֿיעל געבּרויכט... ער וואָלט שוין נישט קיינעם געשטערט...

און ער שפּייט, דער אַלטער ר' יעקב, טראָפּען בלוט, טראָפּען בלוט. עס שעפּט זיך אוים — און די מאַרקעס — קלעבען זיך פֿון ביכיל אָב... אַ טראָפּען בלוט פֿון מויל — אַ מאַרקע פֿון ביכעל, אַ טראָפּען בלוט, אַ מאַרקע פֿון ביכעל.

דער אַלטער ר' יעקב האָט דעם לעצטען טראָפּען בלוט פֿון זיך אַרויסגעגעבען, און פֿייגעלע דעם לעצטען רובעל פֿון פּאָסט...

יענעם טאָג איז דער אַלטער געשטאָרבען... און אין דעמזעלבען טאָג איז אויף דעם ביכיל אין פּאָסט קיין גראָשען נדן געבליבען... פֿייגעלע האָט אין איין טאָג פֿערלאָרען איהר טאַטען מיט איהר נדן...

*

פֿייגעלע זיצט ווידער ביי איהר בליץ־לאָמפּ און נייט און נייט ביז שפּעט אין דער נאַכט און פֿון יעדען שטאָך מיט דער נאָדעל קומט עפּעס צו אין איהר ניי ביכיל אין פּאָסט.

דער נדן מוז איצט זיין גרעסער ווי פֿריהער, ווייל צוזאַמען מיט דעם ביכיל וואו עס קומט צו מעהר מאַרקעס קומט אויך אַלע מאָל צו גרויע האָר אויף איהר שווארצען קאָפּ...

אויך אַ מאַמע.

(געווידמעטע מאַטילדען.)

פיער עקענדיג איז דער מאַרק, אַרום גערינגעלט פון אַלע פיער זייטען מיט בּידרינגע, קליינע אָבּגעוויסטע הייזליך, פון דעם איינשטאַקענדיגען הויז, וואָס שטעהט קעגען איבּער דער בּרונען, דאָרט וואו דער בּעקער וואָהנט געהט פון דעם קוימען אַ געדיכטער רויך אַרויס און ער צו לעגט זיך האַרט איבּער דעם מאַרק, אונטער דעם רויך פליהען ווייסע טויבּען אַהין און צוריק, און אַ הויכער יונג שטעהט בּיי דעם איינשטאַקענדיגען הויז און פייפט אויף די טויבּען.

קעגען איבּער דער בּרונען שטעהען „שטעלען", טהירען אויף געליינט אויף בּווי שטוהלען; אויף די טהירען ליעגען פערשיעדענע פרוכטען און גרינס, און ווייבּער מיט אָבּגעבּרענטע מיהדע־פּנים'ער אַרום געוויקעלט מיט טיכלעך, אין די גרעסטע היטצען שטעהען פאַר די „שטעלען" און קריעגען זיך.

— אודאי, עס לוינט זיך מיר בּאַלד מיט אַזאַ שנאָרערען צו קריעגען, פערבּאַנסט מיין מיסט? דו שלעפּעהקע.

יענטה אַ יודענע פון אַ יאָהר איינינגע פערציג, — וואָס פון אירע בּרייטע ליפּען האָבּען זיך די ווערטער געלאָזט הערען, טראָגט אַ בּרייטען שמוטציגען פאַרטוך, און איהר דיק אָבּגעבּרענט־פּנים וואָס קוקט רוהיג אַרויס פון אונטער דעם טיכעל, האָט מסכּים געוועזען אויף אירע ווערטער.

— וואָס מיינסט דו האָסט שוין גאָט פאַר'ן בּאָרד געהאַפּט? ער געהערט מיר אַזוי גוט ווי דיר אָן — האָט איהר טויבּה אָבּגעענטפערט אַראָבּ ריקענדיג דאָס טיכעל איבּער די האַלבּע אויהרען און מיט כּעס זיך די האָר אַרונטער געשאַרט.

אַ קונה'טע איז צוגעקומען צו יענטה'ס „שטעל", און טויבּה, וואָס איז לידיג געשטאַנען, האָט דער ווייל זי אָנגעשאָלטען מיט טויטע קללות.

— וואָס טויג מיר דיין געלד, פריצטע, ווערסט שטאַרבּען און אפילו אַ הונט וועט נאָך דיר קיין קדיש נישט זאָגען... האָט די יודענע געשריגען.

טויבּה, האָט איהר שכנ'טע געוואָלט דער מיט געבּען אָנצוהערען פון איהר זוהן יצחק'ל, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט, אַז עס פּאַסט נישט זיך אַליין צו ריהמען, איז זי אין מיטען רעדען שטיל געוואָרען.

יענטה, אָנגעעסטענדיג די קונה'טע אַ קוואָרט בּאַרען, האָט איהר אָבּגעענטפערט.

— אודאי, ווען דו וואָלסט אַ שטיקעל לייט געווען, וואָלט דאָך דיין מאַן

איבּער דיר נישט געשטאָרבּען, און דיין קינד וואָלט זיך דאָך מיט דיר נישט געשעמט, ער שעמט זיך דאָך מיט דיר.

טויבּה איז געוואָרען אין כּעס און אַרויס מיט אַ קול:

— חצופה, מיין קינד שעמט זיך מיט מיר! אַ כּפּרה מעגסט דו זיין פאַר זיין מינדסטען נאָגעל, בּיזט אפילו נישט ווערט מיין קינדס נאָמען צו דער מאָנען.

זי האָט געוואָלט אַרויס מיט אַ געוויין וואָס מען זאָגט, אַז איבּער איהר, איז איהר מאַן געשטאָרבּען, און איהר קינד, איהר יצחק'ל שעמט זיך מיט איהר, נאָר נישט צו דערפרייהען יענטה'ן מיט אירע טרעהר'ן האָט זי זיך מיט אַלע קרעפטען איינגעהאַלטען נישט צו וויינען.

די זון האָט זיך וואָס אַ מאָל מעהר אַרונטער געלאָזט אונטער יענ־זייט שטעדטיל, יודען האָבּען זיך געאיילט איבּער דעם מאַרק און אַלע זענען אַוועק אין דעם בּית־המדרש־געסעל מנחה דאַווענען, בּיי דעם בּרונען אין מיטען מאַרק האָבּען זיך אָנגעהויבּען צוזאַמען קלייבּען חדר־יונגליך וואָס זענען ערשט פריי פון דעם חדר געגאַנגען.

טויבּה האָט צוזאַמען גענומען אירע פאָר קוישלעך אויף די הענד, (די טהיר מיט די שטוהלען האָט זי אין מאַרק געלאָזט: עס וועט קיינער נישט גנבּ'ענען), און איבּער לאָזענדיג די גראָבּע יענטה אַ פאָר קללות איז זי שטיל פון דעם מאַרק אַוועק.

ווען זי איז זיך מיט די קוישלעך אויף די הענד אַליין אַ היים געגאַנגען האָט זי וועגען איהר יצחק'ל געקלעהרט.

יענטה'ס שטעכעדיגע ווערטער קען איהר פון זינען נישט אַרויס, מילא דאָס וואָס זי זאָגט: איבּער איהר איז דער מאַן געשטאָרבּען, אַרט עס איהר נישט, אַלע ווייסען וואָס זי האָט אָוועקגעאַרבּעט בּיי איהר מאַנס קרענק, נאָר וואָס זי זאָגט, אַז איהר יצחק'ל שעמט זיך מיט איהר, דאָס קרענקט איהר בּיז אין „ריפּ". טאַקע, דאַכט זיך איהר, אַז, ער קומט אַהיים אויף דער נאַכט נעכטיגען, וויל ער בּיי איהר קיין זאַך נישט פערזוכען...

און קלעהרענדיג דאָס האָט זי אָנגעהויבּען שעלטען יענטה'ן.

— נישט דער לעבּען זאָל זי דאָס, רבּונו של עולם! טאַטע איינער!

עפּיס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז דאָס וואָס זי מיינט, אַז יצחק'ל שעמט זיך מיט איהר האָט זי קיינעם נישט צו פערדאַנקען נור יענטה'ן, אַלץ האָט זי די מכשפה'ה, אָנגעמאַכט.

— מיין קינד. מיין יצחק'ל, וואָס פאַר אַ געשעפטען האָט איהר צו איהם!! און זי איז אַרויס מיט אַ קול:

— רבּונו של עולם, דו זאָלסט דיך אָנעמען מיין קריוודע, בּיזט דאָך אַ טאַטע פאַר יתומים, דו זאָלסט עס איהר נישט שווייגען.

— וועמען דאָס? וועמען שעלט איהר אַזוי, טויבּה? — האָט זיך אָנגערופען צו איהר נחה די נגידה'סטע, וואָס איז געשטאַנען אין טהיר פון איהר שניטקראָם, און הערענדיג ווי טויבּה שעלט אַזוי צו זיך אַליין אַ היים געהענדיג.

— וועמען דיין בּעל־בּית'טשע? אַז נישט די חצופה, די ימח־שמה'ניצע, האָט

אויסגערופֿען ווייזענדיג מיט דעם פֿינגער אין מאַרק אַריין, און נישט אפילו דעם קאָפּ אויפֿהעבענדיג צו זעהען ווער עס רעדט צו איהר, איז זי זיך ווייטער געגאַנגען.

און טובה ווייטער געהענדיג, האָט זיך דערמאָנט, אַז היינט אין דער פֿריה, ווען זי איז צו נחה'ן מיט אַ היהן אין קיך אַריין האָט זי פֿון דער צווייטער שטוב געהערט יצחק'לס קול ווי ער שפּאַרט זיך מיט נחה'ס בחורים'לעך אין לערנען, זי האָט געוואוסט, אַז מיטוואָך עסט איהר יצחק'ל ביי נחה'ן, און טאַקי מיט אַ כּיון אַהין צו געגאַנגען מיט דער היהן כּדי איהר יצחק'ל זאָל אַ גוטע יויך האָבען, ער איז דאָך, נעביך, אַזוי שוואַך.

און הערענדיג פֿון דער צווייטער שטוב איהר זוהנ'ס קול, האָט זי טאַקי די קיך געוואָלט פֿערלאָזען, נאָר דאָך איז זי נישט אַוועק, איהר יצחק'ל שפּאַרט זיך מיט נחה'ס קינדער אין לערנען, זיי קענען עפּיס דען? זיי קומען עפּיס צו זיין כּאָרעשווע? „ער וועט זיך פֿערשעמען" האָט זי זיך געשראָקען, — ווען ער וועט מיך דאָ טרעפֿען מיט דער היהן אין דער האַנד"... „זיין מאַמע איז אַ מאַרק יודענע, אַ שענער יחוס"... און דאָך האָט זי די קיך נישט פֿערלאָזט. „אַ קינד נישט קיין גראָשען אָבגעקאָסט, און וויפֿיעל קאָסטען נחה'ס קינדער אָב"? וואָלט זי היינט געהאַט דאָס געלד וואָס איהר יצחק'ל האָט געדאַרפֿט אָב קאָסטען וואָלט זי דאָך אַ נגידה'סטע געוועזן"... און איז געשטאַנען און האָט זיך צו געהאָרכט צו זיין קול.

— אוי! ער האָט געדאַרפֿט לעבען — און זעהן יצחק'לען, ער וואָלט דאָך באַלד געזונד געוואָרען" — באַלד האָט זיך די טהיר געעפֿענט, עס האָבען זיך בעוויזען נחה'ס בחורים'לעך, אין דער מיט איהר יצחק'ל, די בעקלעך האָבען איהם געפֿלאַמט.

— גוט מאָרגען, האַט ער שוואַך אַרויס גערעדט און באַלד דורך די טהיר אַרויס, זי האָט געוואוסט, זי האָט איהם עגמת־נפש אָנגעטהון, ער איז פֿערשעמט געוואָרען פֿאַר זיי, פֿאַר נחה'ס בחורים'לעך.

און זי פֿיהלט אין האַרץ: איהר קינד, איהר יצחק'ל, איהר מילך געזויגען, וואָס פֿאַרע געשעפֿטען האָט נחה צו איהם, און אויסגיעסענדיג איהר ביטער האַרץ, אויף יענטה'ס קאָפּ, אויך פֿאַר דאָס וואָס איהר זוהן האָט גאַר נישט אָבגעקאָסט און קען בעסער פֿאַר נחה'ס בחורים'לעך האָט זי הויך מיט אַ קול געשאָלטען:

— רבונו של עולם! דו זאָלסט דיך מיין קריוודע אָננעמען, דו זאָלסט איהר דער פֿאַר בצאָהלען, זי זאָל די היינטיגע נאַכט נישט איבער לעבען.

די פֿערביי געהער זעהענדיג ווי אַ יודענע געהט אַליין און שעלט, האָבען געלאַכט.

די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט, און פֿינסטער איז אין שטעדטעל געוואָרען.

טובה איז מיט די קוישלעך אַ היים געגאַנגען, האָט זיי אַרויפֿגעשלעפּט אויף די טרעפּ פֿון איהר הויז און געעפֿענט די טהיר.

— די מאַמע, די מאַמע זענען איהר קולות אַ קעגען געקומען.

די שטוב איז געוועזן רוהיג, אין מיטען דער שטוב האָבען זיך די קינדער אַרום געשטעלט נעבען טויב'ן און ניט אויפֿגעהערט צו שרייען „מאַמע". איין קינדס קול איז געוועזן אַ וויינענדיגער: „וואו ביסט דו דאָס געוועזן אַ גאַנצען טאָג?"

אַ צווייטענס קול איז געוועזן אַ פֿרעהליכער: „ווי גוט איז מאַמע, אַז דו ביזט געקומען", און די אַלע קולות האָבען זיך אין איינעם אויסגעמישט.

— שווייגט! לאָזט מיך חאָטש דעם אָטעם חאַפּען, שרייט די יודענע אַניע־דערשטעלענדיג די קוישלעך.

זי איז צו צום קוימען, עפּיס געזוכט, און באַלד איז דאָס קליינע שטיבעל פֿון אַ קליין פֿאַר־רויכערטען לעמפּעל בעלויכטען געוואָרען.

דער שוואַכער שיין האָט נור בעלויכטען דאָס אָרט אַרום דער קיך, ווי טובה איז געשטאַנען און דאָרטען צוויי העלצליך אונטערגעהייצט, בעלויכטען איין אַלט־פֿערשטויבטע מאַשין וואָס איז געשטאַנען נעבען אַ בעט (אַ סימן פֿון אַ געוועזענעם שניידער), און אַ האַלב בעט וואָס איז קעגען איבער דעם לעמפּעל געשטאַנען. אויף דעם בעט איז געווען אויס געשפּרייט שטרויה אויף וועלכען עס זענען געלעגען פֿערשיעדען אויבס, און זייער ריח האָט זיך געטראָגען אובער דער שטוב, דאָס איבריגע טהייל שטיבעל מיט די בעטען זענען פֿערלוירען געוואָרען אין דעם שאָטען.

ערשט אַנדערטהאַלבען יאָהר ווי איהר מאַן לייזער שניידער איז געשטאָרבען. נאָך ביי זיין לעבען, צום סוף ווען דער הוסט האָט זיך איהם געשטאַרקט און ער האָט נישט געקענט זיין ווייב און קינדער מפרנס זיין, האָט זיך טובה אַוועק געלאָזט עפּיס צו פֿערדינען, און וואָס מעהר די קרענק האָט זיך געשטאַרקט, האָט זי געמוזט מעהר האָרעווען, און אַז זי איז געוואָרען אַ אַלמנה, איז זי שוין געוואָהנט געווען צו אַרבייטען פֿאַר'ן גאַנצען הויז־געזינד.

דאָס עלסטע יונגעל יצחק'ל האָט געהאַט אַ גוט קעפּעל, ער איז געוועזן דער איינציגער טרייסט, אין לייזער שניידערס פֿינסטערען לעבען, און ליעגענדיג אויף דעם טויטען בעט האָט ער זיך געטרייסט, ער לאָזט חאָטש איבער אַ גוטען קדיש נאָך זיך.

ווען לייזער איז געשטאָרבען האָבען די בעלי־בתים רחמנות געהאַט אויף דער ווייסטער אַלמנה, צו זאַמען־געמאַכט אַ פּאָר רובל, אַז זי זאָל האָבען מיט וואָס צו האַנדלען. און זעהענדיג אַז יצחק'ל האָט אַ גוטען קאָפּ האָבען זיי איהם אַריין־געגעבען אין בית־המדרש, געשאַפֿט איהם טעג אין רייכע הייזער, און עס אַוועק־געגעבען לערנען אין בית־המדרש.

טובה זעהענדיג, אַז איהר יצחק'ל עסט ביי די נגידים האָט עס איהר האַרצען, אַ הנאָה געטהון, נעביך אַ שוואַך קינד, וואָס קען זי איהם געבען עסען צו דאָרט, ביי די נגידים האָט ער פֿון אַלעם בעסטען, דאָך אָבער אין דער שטיל האָט זי דערפֿון עגמת־נפש געהאַט, פֿון דעם וואָס יצחק'ל עסט אין פֿרעמדע רייכע הייזער, זי האָט אַליין ניט געוואוסט אויב מען האָט איהר מיט דעם אַ טובה געטהון אָדער אַ רעה...

איינמאָל אַזוי זיצענדיג פֿאַר איהר „שטעל" זעהט זי ווי איהר יצחק'ל געהט אַרויס פֿון דעם שול־געסעל מיט דעם תפילין־זעקיל אונטער דעם אָרום און געהט גלייך אין זונדעל דעם גביר'ס הויז אַריין פֿרושטיק עסען, האָט עס איהר אין האַרצ'ן געשטאָכען. זי איז דענסטמאָל נאָך גוט געווען מיט יענטה'ן, ווייל באַלד

נאָך דעם מאַנ׳ס טוידט האָבען אַלע אויף איהר רחמנות געהאַט, האָט זי צו איהר געזאָגט:

— גלויבט מיר יענטה, איך ווייס אַליין נישט, זעהט וואָס האָב איך, דאַכט זיך פּראָנטענזיעס צו די בעלי־בתּים, זיי האָבען דאָך גוטס געטהון מיט מיר, און מיט מיין קינד, געשאַפֿט איהם עסען ביי רייכע ערטער, בעהאַנדעלט איהם, זאָג איך אייך, נישט ווי ער וואָלט זיין אַ בּ״רק יודענעס אַ קינד, נור ווי אַ גבירס, דאָך יעדעס מאָל ווען איך געב די קינדער מיטאָג, פֿערגעס איך און שטעל אַ נידער אַ טעלער פֿאַר מיין יצחק׳ל אויך, און אַז איך דער מאָן מיך אַז ער עסט נישט ביי מיר, ווין איך פּשוט ווי אַ קליין קינד.

— געהט, איהר זייט אַ נאַרישע יודענע, ענטפֿערט איהר יענטה אָב, וואָס דען ביי אייך וואָלט ער אַ לייט געוואָרען, וואָס קען נעביך איין אָרימאַן אַ קינד געבען צו עסען? מישטיינס געזאָגט.

— איהר זייט גערעכֿט, יענטה, זאָגט טויבה, אָבער דאָך ווען איך צו טהייל [illegible]אָס מיטאָג, שנייט מיר אין האַרץ.

און איצט זיצענדיג ביי דער קיך. אָבקאָכֿען עסען פֿאַר די קינדער האָט די יודענע דאָס זעלבע געקלערט, עפּיס האָט זיך איהר גערדאַכֿט, אַז מען רויבט ביי איהר יצחק׳לען אַוועק.

ווען די קינדער האָבען אָבגעגעסען און זיך שלאָפֿען געלעגט, האָט זי דאָס לעמפּיל אויף דעם טיש אַ נידער געשטעלט, און גענומען פֿאַר רעכֿטען אַ העמד פֿאַר יצחק׳לען.

באַלד האָט זיך די טהיר אויפֿגעעפֿנעט, און יצחק׳ל איז אַריינגעקומען.

יצחק׳ל איז אַ יונגעל פֿון אַ יאָהר פֿערצעהן, הויך און דאַר, זיין ווייס פּנים שיינט ברוגזדיג אַרויס פֿון דעם שוואַרצען קאַפּאָטקעלע און פֿון דעם שוואַרצען היטעל.

— גוט אָווענד, האָט ער שטיל געזאָגט.

די מוטער האָט איהם אָבגעטרעטען איהר אָרט, אין האַרץ האָט זי געפֿיהלט, אַז זי דאַרף פֿאַר איהר קינד דרך־ארץ האָבען, נישט וויסענדיג אַליין פֿאַר וואָס און באַלד האָט זיך איהר גערדאַכֿט, אַז זי מיט איהר אָרימקייט זענען פֿאַר איהר יצחק׳ל איין אומגליק.

ער האָט זיך אַ נידער געזעצט און אַרויס גענומען פֿון דעם ספרים־שאַפֿקעלע אַ ספר און אַריינגעקוקט.

די מוטער האָט אַרויס גערדעהט דאָס קנויטעל פֿון לעמפּעל, אויסגעווישט מיט דעם פֿאַרטוך דאָס גלעזעל און דאָס לעמפּעל צו איהם נעהענטער צו גערוקט.

— ווערסט טרינקען אַ גלאָז טהיי, יצחק׳ל? פֿרעגט איהם די מוטער אין דער שטיל, וועלענדיג איהר קינד מיט עפּעס דינען.

— ניין, איך האָב ערשט געטרונקען.

— אפשר אַ עפּעלע?

ער האָט געשוויגען.

די מוטער האָט ריין געמאַכֿט אַ טעלעריל, אַרויפֿגעלעגט אַ פּאָר עפּעליך מיט אַ מעסער און אַ נידער געשטעלט אויף דעם טיש נעבען איהם.

ער האָט זיך בנעימות׳דיג ווי אַ גרויסער אָב געשיילט אַ עפּעלע, הויך אַ ברכה געמאַכֿט און געגעסען.

ווען יצחק׳ל האָט געגעסען דאָס עפּעלע האָט טויבה זיך צו איהם מעהר מאַמע׳דיגער געפֿיהלט און האָט זיך נעהענטער צו גערוקט צו איהם.

און אָבשיילענדיג בנעמות׳דיג דאָס צווייטע עפּעלע האָט יצחק׳ל נאָך ליעבליכֿער גערעדט:

— איך האָב הייגט מיט דעם דיין געשמועסט וועגען דער נסיעה, דאָ אין היגען בית־המדרש איז גאָר נישט דאָ וואָס צו טהון, נישט דאָ ביי וועמען צו לערנען, און וואו צו לערנען, ער האָט מיר איין עצה געגעבען נאָך מאַקעווע אין דער ישיבה צו פֿאָהרען, ער וועט מיר מיט געבען אַ בריעף צו ר׳ חיים דעם ראש הישיבה, ער זאָל מיך מקרב זיין.

טויבה הערענדיג, אַז איהר יצחק׳ל וויל זי איבער לאָזען, איז זי שטאַרק דערשראָקען געוואָרען, נאָר די ווערטער „דיין״, „ראש הישיבה״, „מקרב זיין״ — די הויכֿע לשון קודש ווערטער וואָס זי האָט נישט פֿערשטאַנען האָבען געוואָרפֿען אויף איהר עפּעס אַ אימה און זי האָט געפֿיהלט, אַז זי דאַרף דרך־ארץ האָבען... באַלד האָבען זי די ווערטער בערוהיגט: יצחק׳ל האַלט זיך מיט איהר איין עצה, מיט איהר, זיין מאַמע...

— מילא אַז דער דיין הייסט, האָט זי אָבגעענטפֿערט מיט אַ פֿרומע מינע.

— יאָ, זאָגט ווייטער יצחק׳ל, דאָרט לערנט מען „שעור״ מיט אַלע מפֿרשים, ר׳ חיים דער מחבר פֿון „אור תורה״ איז אַ למדן מופֿלג, דאָרט קען מען אום וואַקסען אַ לייט.

די ווערטער האָבען זי אין גאַנצען בערוהיגט, זי האָט זיך געפֿיהלט עפּיס גליקליך, עפּיס דערהויבֿט דאָס איז איהר קינד — זי איז די מאַמע פֿון אַזאַ קינד, און ווען נישט זי וואָלט דאָך יצחק׳ל נישט געוועזען... נאָר דאָס האַרץ האָט איהר געריסען און זי איז טרויעריג געוואָרען...

דער נאָך האָט זי זיך דערמאָנט אָן איהר מאַן און איז אַרויס מיט אַ געוויין:

— וואָלט ער האָטש געלעבט, וואָלט ער האָטש דאָס נחת דערלעבט, האָט זי געזיפֿצעט.

יצחק׳ל האָט אין ספר אַריין געקוקט.

דאָס וואָס יצחק׳ל קלויבט זיך אַוועק פֿאָהרען, האָט זי ביי נאַכֿט נישט געלאָזט שלאָפֿען, דאָס האַרץ האָט איהר געריסען.

און ביי נאַכֿט ליגענדיג אויף איהר געלעגער, האָט זיך איהר געחלומט ווי עפּעס גרויסע רבנים מיט טיעפֿע שטריימלען, און לאַנגע פּאות קומען אָן, און נעמען פֿון איהר, איהר יצחק׳ל אַוועק, איהר יצחק׳ל טראָגט אויך אַ שטריימעל מיט לאַנגע פּאות און האַלט אַ גראָב ספר אין האַנד, און ער געהט ווייט אַוועק מיט די רבנים, זי שטעהט און קוקט נאָך און זי ווייסט אַליין נישט, אויב זי זאָל זיך פֿרעהען, אָדער וויינען גאָר...

און דער פֿריה האָט זי זיך שפּעט אויפֿגעחאַפּט, יצחק׳ל איז שוין נישט געוועזען. זי האָט אויף גיך די קינדער אָבגעפֿערטיגט און געאײַלט זיך אין מאַרק אַריין, און

זיצענדיג בײַ איהר שטעל האָט זיך זיך פֿערקלעהרט און עס האָט זיך איהר געדאַכט אז זי זיצט בײַ איהר זוהן, ער איז רב אין אַ גרויסע שטאָדט, אָט זיצט ער אָנגעטהון אין שיך און זאָקען, אַ גרויס שטרײַמעל אויף דעם קאָפּ און האַלט אַ גראָב ספר אין דער האַנד און קוקט אַרײַן, זי זיצט בײַ זײַן רעכטער זײַט און שטריקט אַ זאָק. די טהיר עפֿענט זיך, עס קומט אַרײַן יענטע מיט אַ טעלעריל אין דער האַנד פֿרעגען איהר זוהן אַ שאַלה.

אַ קונה האָט זי אויפֿגעוועקט פֿון איהרע זיסע געדאַנקען.

גאַנצע נעכט איז טויבה געזעסען בײַ דעם טישעל און בײַ דער שײַן פֿון דעם קלײנעם פֿערױכערטען לעמפּעל האָט זי צו רעכט געמאַכט די העמדער פֿאַר יצחק'ל אין וועג אַרײַן; בײַ יעדען שטאָך האָט זי געקלעהרט, אַז זי נײט עס פֿאַר יצחק'לען, ער וועט אַוועקפֿאָהרען אין דער ישיבה אַרײַן, זיצען און לערנען און אַלע פֿרײַטיג אָנטהון אַ העמד, וואָס די מאַמע האָט פֿאַר איהם צו רעכט געמאַכט.

יצחק'ל איז שטענדיג געזעסען אויף דער צווייטער זײַט טיש און האָט אין ספר'יל אַרײַן געקוקט, די מוטער האָט איהם געוואָלט עפּיס זאָגען. נאָר זי האָט נישט געוואוסט וואָס...

טויבה מיט יצחק'לען זענען פֿאַרטאָג אויפֿגעשטאַנען.

יצחק'ל האָט געקושט די ברידערליך אין שלאָף, די פֿערשלאָפֿענע שוועסטערליך האָט ער געזאָגט בלויז: „בלײַבט געזונד", אײן שוועסטעריל גאָלדה, האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און אָנגעהויבען צו וויינען, אַז זי וויל אויך מיט געהען בעגלײטען דעם ברודער, די מוטער האָט זי אין דער שטיל אײַנגענומען. און טראָגענדיג יצחק'לס קעסטעל זענען זיי בײדע פֿון דער שטוב אַרויס.

די גאַס האָט נאָך געשלאָפֿען, די לאָדען זענען נאָך געווען פֿערמאַכט, פֿון אונטער דער שפּיץ פֿון דער קירכע האָט דער מאָרגען שטערען אַ פֿוירגעשײַנט און קאַלט בעגילדעט די קאַלטע פֿריה מאָרגענדיגע ראָסע וואָס איז געלעגען איבער די דעכער, און איבער דעם שטעטיל און גאַס האָט גערוהט אַ שטילקײט. — נאָר אין מיט'ן מאַרק איז אַ פֿויערשע פֿוהר געשטאַנען מיט אויבס, אַרום די פֿוהר ווײַבער, און פֿון דער ווײַטען האָט זיך געהערט יענטה'ס קול:

— פֿינף גילדען מיט צעהן גראָשען, דאָס גאַנצע אויבס נעהם איך.

און טויבה, נאָכטראָגענדיג יצחק'לען דאָס קעסטעל, איז דורך געגאַנגען דעם מאַרק און דערזעהענדיג יענטען האָט זי אויף איהר געקוקט מיט שטאָלץ...

זיי זענען אַרויס אונטער דעם שטעדטעל, אויף דעם וועג, און אָבגעוואַרט אַ געלעגענהייט נאָך לענטשיץ, אַז פֿון דאָרט זאָל יצחק'ל ווײַטער פֿאָהרען קיין קוטנא.

דער הימעל איז געווען גרויע און קאַלט. דאָרט ווײַט האָט ער זיך אויסגעמישט מיט דעם רויכערדיגען טויה־וואָלקען וואָס האָט פֿון די פֿעלדער אויפֿן הימעל אויפֿגעשטיינט אָבער פֿון הימעל אויף די פֿעלדער אַ ראָבגענידערט און האָבען זיך אין אײנעם צוזאַמענגעגאָסען... און דער וועג האָט זיך שטיל־שווײַגענד ווײַט זיך אַוועק געצויגען.

זיי האָבען זיך בײדע בײַם שלאָבען אַ נידער געשטעלט און געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט:

און די מוטער האָט אַרויסגעקראַצט אַ פּאָר פֿערציגערס פֿון דער קעשענע און איהם, אײַנגעבונדען אין העמד, אויפֿן האַרץ.

באַלד איז אַ פֿוהר דורגעפֿאָהרען פֿול מיט פּערשוינען. זי האָט פֿאַר יצחק'לען אויסגעדונגען אײן אָרט פֿאַר פֿערציג גראָשען און האָט דאָס קעסטיל אויף דעם וואָגען אַרויפֿגעלעגט.

— פֿאָהר געזונדערהייט! פֿערגעס נישט אָן דער מאַמען! האָט זי ווײנענדיג אויסגערעדט.

יצחק'ל האָט געשוויגען.

זי האָט געוואָלט איהר קינד קושען נאָר זי האָט געוואוסט, אַז דאָס פּאַסט נישט פֿאַר אַ דערוואַקסענדיג יונגיל און האָט זיך אײַנגעהאַלטען.

יצחק'ל איז אַרויף אויף דער פֿוהר, די פּאַסאַזשירען האָבען פֿאַר איהם צווישען זיך אײן אָרט געמאַכט.

— בלײַב געזונד, מאַמע, האָט ער געזאָגט ווען די פֿוהר האָט זיך פֿון אָרט גערירהט.

— פֿאָהר געזונדערהייט, מײַן קינד! זיטץ און לערען דאָרט און פֿערגעס נישט אָן דער מאַמען, האָט טויבה נאָך דער פֿיהר נאָכגעשריען.

די פֿוהר האָט זיך וואָס אַ מאָל דער ווײַטערט אַרויף אויף דעם באַרג, וואָס האָט זיך געזעהען פֿון דערווײַטענס.

טויבה איז געשטאַנען און אַלץ נאָך געקוקט נאָך דער פֿוהר. ווען די פֿיהר איז פֿון דער ווײַטען אין קאָרזש פֿערלוירען געוואָרען, האָט זיך טויבה אומגעדרעהט און צוריק אין דער שטאָדט אַרײַן.

זי האָט אָנגעלעגט דעם וועג כדי עס זאָל איהר אויסקומען פֿאַר בײַ געהן דעם „בית עולם".

ניט קײן הויכער פּאַרקען פֿון ברעטער האָט דעם בית־עולם אַרומגערינגעלט און די מצבות האָבען אַרויס זיך אַרויסגעוויזען און געקוקט אין הימעל אַרײַן.

זי איז צו געגאַנגען און אַרויף געקלעטערט אַ ביסעל אויף דעם פּאַרקען און האָט אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ אין „פֿעלד" אַרײַן און זי האָט, צווישען די מצבות עפּיס מיט די אויגען געזוכט, און אַז זי האָט דערזעהן אַ בעקאַנטע קלײנע מצבה, האָט זי מיט דעם קאָפּ אַהין געשאָקעלט:

— ברוך, ברוך! דײַן זוהן יצחק'ל איז אין דער ישיבה געפֿאָהרען, תורה לערנען.

באַלד האָט זי זיך אָבער דער מאַנט אָן דעם מאַרק, יענטע האָט אַודאי דאָס גאַנצע אויבס אָבגעקויפֿט: פֿאַר איהר וועט גאָר שוין נישט איבער בלײַבען, און האָט זיך אין שטאָדט געאײַלט.

זי איז גיכער געגאַנגען, און זעהר צו פֿריעדען מיט זיך געוועזען. עפּיס האָט זי געפֿיהלט, אַז זי האָט אַ גרויסע זאַך געטהון, און טראַכטענדיג דאָס האָט זי פֿערגעסען אין דעם עגמת נפֿש פֿון דעם וואָס יענטע האָט דאָס גאַנצע אויבס אָבגעקויפֿט.

אין צוויי וואָכען אַרום האָט זי פון יצחק'לען אַ בריוועלע ערהאַלטען, אַליין לעזען קען זי נישט, איז זי אַוועקגעגאַנגען מיט דעם בריוועל צו ר' יוחנן מלמד, אַז ער זאָל עס איהר איבערלייענען.

ר' יוחנן האָט די ברילען אָנגעטהון גוט אָבגעהוסט און האָט אָנגעהויבען פון בריוועל אַרויס צו לעזען:

„לאמי אהובתי הצנועה...

— וואָס איז דער טייטש? האָט טובה געפרעגט.

— אַ טיטעל איז דאָס צו דער מוטער, זאָגט ר' יוחנן און לייענט ווייטער.

טויבה'ס געזיכט איז ליכטיגער געוואָרען, זי האָט גענומען איהר פאַרטוך צו די אויגען און אָנגעהויבען וויינען.

ר' יוחנן האָט דאָס בעמערקט און געלייענט ווייטער לשון-קודש ווערטער.

— וואָס איז דער טייטש? דער טייטש? פרעגט אַלץ די יודענע.

— גאָר נישט, נישט פאַר אייך, איהר וועט עס נישט פערשטעהן, עס איז אַ פשט'ל.

זי האָט געשוויגען, די לשון קודישע ווערטער האָבען אויף איהר אַ שרעק געוואָרפען, און זי האָט מיט דרך־ארץ אויסגעהערט.

„איך גערים אמי אהובתי, מיט אחותי, און שרה'ן און גאָלדען און יעקב, לאָז ער זיך גוט לערנען, איך האָב אַלע טעג... און שלאָף ביי ר' חיים'ען". האָט פלוצים ר' יוחנן געלעזען.

טויבע האָט זיך געלאָזט בעגניגען מיט די פאָר ווערטער — זי האָט צוגענומען דעם בריעף, איהם געלעגט אין קעשענע אַריין און געגאַנגען מיט גרויס פרייד אין מאַרק אַריין.

אויף דער נאַכט — האָט זי זיך געטראַכט — וועל איך אַרונטערגעהן צום דין, לאָז ער לעזען דאָס בריוועל.

אויף דער נאַכט. ווען זי איז אַ היים געקומען, האָט זי אויף גיך מיטאָג אָבגעקאָכט, געגעבען די קינדער עסען, און געלאָפען צום דין מיטען בריוועל.

זי איז אין שטוב אַריין, לאַנגע פאָליצעס מיט ספרים בעדעקען די ווענד, און אַ יוד אין אַ ווייסע באָרד זיצט אויבען אָן — און קוקט אין אַ ספר אַריין.

— וואָס, אַ שאלה? פרעגט דער דין פון דערווייטען.

— ניין.

— וואָס דען?

— אַ בריוועל פון מיין יצחק'לען.

דער דין האָט זיך אויפגעהויבען, צו געגאַנגען, זי אָנגעקוקט און האָט צוגענומען פון איהר דאָס בריוועל. און אָנגעהויבען לייענען, אין דער שטיל, פאַר זיך.

— וואהל, אויסגעצייכנעט, גוט... דער קליינער פערשטעהט... רעדט דער דין צו זיך.

טויבען גיסען זיך טרעהרען פון די אויגען...

— וואָלט ער חאָטש געלעבט! וואָלט ער חאָטש געלעבט!

— שחיטת חוץ... רמב"ם... תוספות איז גערעכט... רעדט דער דין ווייטער צו זיך.

„איהר יצחק'ל, טויבע די מאַרק־יודענעס אַ יונגעל", טראַכט זי מיט שטאָלץ.

— נאַט אייך דאָס בריוועל, זאָגט דער דין צום סוף, איך האָב עס שוין דורכגעלעזען.

— נו וואָס? פרעגט די יודענע.

— וואָס? וואָס ווילט איהר דען?

— וואָס שטעהט אין בריוועל? פרעגט די יודענע אין דער שטיל.

— עס איז נישט פאַר אייך — איהר וועט עס נישט פערשטעהן, זאָגט דער דין מיט אַ שמייכעל.

יצחק'ל שרייבט אַהיים בריוולעך, וואָס אַמאָל ווערען די יודישע ווערטער ווינציגער, די לשון קודש ווערטער מעהר, אַ מאָל נאָר אַ גערים צו דער מאַמען — און זי קומט צו ר' יוחנן, ר' יוחנן לייענט איהר דורך די יודישע ווערטער און זי לאָזט זיך דערמיט בעגניגענען, „די לשון קודש ווערטער זענען פאַר דעם דין", טראַכט זי זיך.

אַ מאָל קריעגט זי אַ בריוועל פון יצחק'ל.

זי געהט אַריין צו ר' יוחנן, ער זאָל עס דורך לייענען.

ר' יוחנן לייענט עס דורך.

— גאָר נישט דאָ צו אייך, זאָגט ער.

— ווי הייסט?

— גאָר נישט, ענטפערט ער אָב קורץ.

— לייענט זשע מיר חאָטש דאָס, וואָס איז דאָ.

— עס איז דאָך לשון קודש, תורה, איהר וועט דאָך נישט פערשטעהן.

— וועל איך נישט פערשטעהן.

— געהט אייך געזונדערהייט, און פעדרעהט מיר נישט דעם קאָפּ.

טויבע איז אַרויס מיט דעם געדאַנק, אויף דער נאַכט צו געהן צום דין.

— רבי, זייט מוחל, פערטייטשט מיר דעם בריעף אויף יודיש, זאָגט זי צו דעם דין, איהם, דעם בריעף איבערגעבענדיג.

דער דין נעהמט דעם בריעף און לייענט איהם איבער.

— גאָר נישט דאָ פאַר אייך! זאָגט ער איהר.

— רבי, זאָגט טויבע פערשעמט, פערטייטשט מיר, זייט מוחל, דאָס לשון קודש'דיגע.

— עס איז דאָך תורה, איהר וועט דאָך נישט פערשטעהן.

— נו, לייענט חאָטש דעם בריעף אויף לשון־קודש, הויך, הויך, איך זאָל איהם הערען.

— איהר וועט דאָך אָבער נישט פֿערשטעהן, עס איז דאָך לשון קודש, שמייכעלט דער דין.

— נו וועל איך נישט פֿערשטעהן, זאָגט די יודינע, עס איז דאָך מיין קינדס תורה, מיין קינדס.

דער דין האָט עפּיס געקלערט. און אָנגעהויבען לייענען הויך.

— שחיטת חוץ שנתערבה בקודש... רמב"ם בהלכות... מ"א...

באַלד אָבער קוקט ער אויף די יודענע און דערמאָנט זיך אָן עפּעס: ער זאָגט נאָר תורה פֿאַר אַ יודענע.

— נאַט אַייך דעם בריעף, עס איז גאָר נישט דאָ פֿאַר אַייך, האָט ער געזאָגט רחמנות'דיג און צוריק זיך געזעצט אויף זיין אָרט.

— עס איז דאָך מיין קינדס תורה, מיין יצחק'לס בריעף, פֿאַר וואָס זאָל איך נישט הערען? לאָם מיך נישט פֿערשטעהען! עס איז דאָך מיין קינד.

דער דין האָט זיך קאַלט אַוועק געדרעהט.

דערנאָך ווען טובה איז אַהיים געקומען, האָט זי זיך ביים טישעל אַנידער געזעצט, אַראָפּגענומען דאָס לעמפּעל פֿון צוואָק און ביי דער שיין פֿון דעם פֿערדויבערטעל לעמפּעל, האָט זי שטום אויף דעם בריוועל געקוקט.

זי האָט דעם בריעף געקושט, נאָר באַלד האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי איז מטמא דעם בריעף מיט איהרע ליפּען, זי אַ זינדיגע יודינע...

זי האָט זיך אויפֿגעהויבען, אַרויסגענומען פֿון ספרים־שאַפֿקעלע דעם מאַנ'ס סדור און צווישען די בלעטער אַריין געלעגט דעם בריעף.

מיט ציטערדיגע ליפּען האָט זי געקושט די טאָוולען פֿון דעם סדור, און איהם צוריק אַריין געשטעלט אין ספרים שאַפֿקעלע.

אינהאַלט.

פערלאג „פראגרעס" ווארשא

האט אב געדרוקט

אלע ווערק פון דעם בעליעבטסטען פאלקס־דיכטער

אברהם רייזען.

אין צוויי גרויסע בענדער פראכטפאהל שעהן געדרוקט אויף גוט פאפיער לויט די לעצטע מאדערנע אויספיהרונג וואס ביז יעצט איז נאך אין יודיש אזוי שעהן נית געדרוקט געווארען, מיט דעם בילד פון דעם דיכטער.

ערשטער באנד:

ערצעהלונגען, בילדער, סקיצען, הומארעסקעס, און דראמעס פון דעם אלגעמיינעס לעבען.

צווייטער באנד:

פאעזיע.

ביידע בענדער ענטהאלטען ערך 800 זייטען.

פרייז פיר יעדען באנד 1 רובל 25 קאפ'.

געבונדען אין פראכט באנד צו 40 קאפ' פיר א באנד.

מיט בעשטעלונגען זיך ווענדען:

Книгоиздательство „ПРОГРЕССЪ"

Я. ЛИДСКІЙ, Варшава, Налевки 36. (Телефонъ 61-63).

די איבעריגע ווערק פון א. רייזען, ווערט איבערגעגעבן צום דרוק. ביים ערשיינען וועט מען אין בעזאנדערע אנאנסען בעקאנטמאכען.